STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01327

# DER DEMOKRATISHER FRONT

## Earl Browder

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The family of Manya Lipshitz*
*in memory of*
*Manya Lipshitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוירל בראודער

# דער דעמאָקראַטישער פראָנט

## פאַר דזשאָבס, זיכערקייט, דעמאָקראַטיע און פרידן

באריכט צו דער צענטער נאציאָנאלער קאָנווענשאָן פון דער
קאָמוניסטישער פארטיי פון די פאראייניקטע שטאטן

פרייז 10 סענט

פארלאג אידביורא — נ׳ יאָרק, 1938

# אינהאַלט


זייט

אריינפיר

1. די אַפּענטיווע פון רעאַקציע און דער אויפבוי פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט — — — — — — — — — — — — 6

2. אָרגאַניזירן דעם זיג פאַר פּראָגרעסיוו אין די וואַלן פון 1938 — — — — — — — — — — — — — — 35

3. געווינען אַמעריקע פאַר אַ פּאָזיטיווער פרידן־פּאָליטיק — 47

4. מיר שטרעקן אויס די האַנט פון ברידערלעכער קאָאָפּע־ראַציע צו די קאַטאָליקן — — — — — — — — — — 51

5. בויען די קאָמוניסטישע מאַסן־פּאַרטיי — — — 58

6. די אַמעריקאַנער טראַדיציע און סאָציאַליזם — — — — — 87

שלום — — — — — — — — — — — — — — 94

# אַרײַנפֿיר

דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק, און באַזונדער די אַרבעטער און פֿאַרמער, זײַנען אומרואיק און אַלאַרמירט וועגן דער לאַגע פֿון אונזער לאַנד און פֿון דער וועלט. אַן עקאָנאָמישער קריזיס מאַכט ווידער אָן אַ חורבן אין לאַנד, נאָך אײדער עס האָט זיך דערהאָלט פֿון דעם לעצטן קריזיס. דער מאַנדאַט פֿון די וואַלן פֿון יאָר 1936 פֿאַר אַ פּראָגראַם פֿון דעמאָקראַטיע און פֿרידן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אָבסטרוקציעס און סאַבאָטאַזש אין דעם קאָנגרעס, וואָס איז דערווײַלט געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט גראָד אויף דער דאָזיקער פּראָגראַם. די כמאַרעס פֿון מלחמה, וואָס רעגנען שוין מיט באַרבאַרישער פֿאַרניכטונג אויף דער באַפֿעלקערונג פֿון שפּאַניע און כינע, ווערן שוואַרצער איבער דער גאַנצער וועלט. בייזע סמנים פֿון פֿאַשיזם, אַ בלוט־ברודער פֿון היטלער און מוסאָליני, באַווײַזן זיך אין די גרעניצן פֿון אונזער אײגן לאַנד. אויסלענדישער פֿאַשיזם דרינגט אַרײַן אין די לענדער פֿון לאַטײַנישער אַמעריקע. רעאַקציע, וואָס שטעלט זיך אַנקעגן דעם ווילן פֿון פֿאָלק, געווינט, קאָנטיק, איין פּאָזיציע נאָך אַ צווייטער און פֿאַרמעסט זיך צו באַהערשן די וועלט.

עס איז דאָ גענוג גרונט צו זײַן אומרואיק און אַלאַרמירט. רעאַקציאָנערע כחות, וואָס גייען אין דער ריכטונג פֿון פֿאַשיזם, ווילן אין אונזער אײגענעם לאַנד ניט אָנערקענען די מפּלה, וואָס זיי האָבן געליטן אין די לעצטע וואַלן. זיי אָנערקענען ניט דאָס ווערדיקט פֿון דער מערהייט פֿון 27 מיליאָן אַמעריקאַנער, וואָס האָבן זיי נידערגעשטימט אין 1936, צו באַשטימען די צוקונפֿט פֿון אַמעריקע. באַנוצענדיק זיך מיט זייער ריזיגער מאַכט, ווי די אײגנטימער פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט, האָבן זיי זיך פֿאַרמאָסטן דורכצואיואַרפֿן די רעפֿאָרמען, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט פֿאָרגעשלאָגן, צו סאַבאָטאַזשירן די רעפֿאָרמען, וואָס זײַנען שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעץ, אָפּצושפּאַלטן דעם רעכטן פֿליגל פֿון דעם פּרעזידענט׳ס פּאַרטיי און פֿאַראײניקן אים אין אַ רעאַקציאָנערער קאָאַליציע מיט די רעפּובליקאַנער, כדי צו באַקעמפֿן און צעטיילן די שטייגענדיקע אַרבעטער באַוועגונג, צו שנײַדן וועידזשעס און אַרונטערדריקן די לעבנס־סטאַנדאַרדס, און כדי צו צעברעכן די וואַקסענדיקע אײניגקייט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן אין זייער שטרעבונג צו דזשאַבס, זיכערקייט, דעמאָקראַטיע און פֿרידן.

אין וועלט־פּאָליטיק האָט זיך די רעאַקציאָנערן פֿון אונזער אײגן לאַנד אײַנגעגעבן ניט צו דערלאָזן, אַז די גרויסע פּאָטענציעלע מאַכט פֿון אַמעריקע זאָל אַרײַנגעוואָרפֿן ווערן אין דער וואָג־שאָל אויף דער זײַט

פון דער פּאָליסי, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט פּראָקלאַמירט אין שי־קאַגאָ לעצטן אָקטאָבער וועגן געמיינזאַמער אַקציע צו שאַפן אַ קאַראַנטין געגן די קריגערישע מלוכות. זיי שטויסן אַמעריקע, אַז זי זאָל זיך נאָכ־שלעפּן נאָך דער טאָרי־רעגירונג פון טשעמבערלען אין ענגלאַנד, וואָס גייט אַריין אין דעם לאַגער פון די מלחמה־מאַכער און פאַרראַט די דעמאָ־קראַטיע. זיי ברענגען דעם שווידער פון אַ נייער וועלט־שחיטה, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין די איבערפאַלן אויף שפּאַניע און כינע, מיט יעדן טאָג אַלץ נענטער צו די ברעגן פון אַמעריקע.

ווירקלעך, אונזער לאַנד, צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, איז אויסגעשטעלט צו דער געפאַר פון כאַאָס און קאַטאַסטראָפע, וואָס דאָס קאָן פירן צו דער פאַרניכטונג פון דער בעסטער ירושה פון אונזער פאַר־גאַנגענהייט, צו דער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע.

די רעאַקציאָנערן, די פאַשיסטן, די מלחמה־מאַכער האָבן ריזיקע מיטלען אויף זייער זייט. זיי קאָנטראָלירן די גרויסע טראַסטיפיצירטע אינדוסטריען — דאָס האַרץ פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט — אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער מלוכה. זיי זיינען די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, די „זעכציג פאַמיליעס“. זיי קאָנטראָלירן די בלוטיגע דיקטאַטורן פון דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן, וועלכע רעגימענטירן גאַנצע פעלקער און שפּאַנען זיי איין אין זייער מיליטערישער מאַשין. אויף דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן געביט אַרבעטן זיי צוזאַמען, ניט געקוקט אויף די שאַרפע קאַמפן צווישן זיך, לויט אַ וועלט־פּלאַן צו פאַרכאַפּן און איינשלינגען די וועלט, שטיק נאָך שטיק, און ברענגען זי צו אַ צושטאַנד פון אַנאַרכיע. זיי אַרבעטן לויט דעם באַקאַנטן פּרינציפּ פון אונטערדריקער פון אַלע צייטן, „צעטייל און באַהערש“.

דעמאָקראַטיע און פאָרטשריט, דער לאַגער פון דעם פּשוט'ן פאָלק, פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, האָט דעם נומערישן פאָרצוג, — די גרויסע מערהייט פון פאָלק. צו אַט־דעם לאַגער געהערט די צוקונפט. די דאָ־זיגע מערהייט איז — מאַכט, אָבער בלויז אין דער מאָס ווי זי איז פאַר־איינִיגט און ווייסט וועגן אירע שונאים און וועגן די מיטלען זיי צו באַזיגן. אין אונזער אייגן לאַנד האָט די דאָזיגע מערהייט דערגרייכט אַן עלעמענטאַרע אָבער ניט־אָרגאַניזירטע איינִיגקייט דורך פאַרזאַמלען זיך, אין דעם קאַמף געגן דער רעאַקציאָנערער אָפענסיווע, אַרום די לאָ־זונגען און דער פּערזענלעכקייט פון פּרעזידענט רוזוועלט; זי האָט פאַר־שטאַרקט די דאָזיגע איינִיגקייט דורך דעם אויפשטייג פון נייע און מעכ־טיגע יוניאָנס און דורך אַן אָנהויב פון זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע.

אין פראַנקרייך האָט די מערהייט פון פאָלק, דורך דעם „פראָנט פּאָפּולער" (פאָלקס־פראָנט) צוריקגעשטויסן דעם פארזוך פון פאַשיזם צו פארכאַפּן די מאַכט און אויפגעבויט אַ מעכטיגע פאָלקס־באַוועגונג. אין שפאַניע האָט די דאָזיגע מערהייט פאראייניגט די מאַסן פאַר דער באַוואָפענטער פארטיידיקונג פון דער רעפּובליק און האָט צוריקגעשטויסן די אריינדרינגענדע האָרדן פון היטלער און מוסאָליני. אין כינע האָט זי אויסגעשמידט דעם נאַציאָנאַלן רעטונגס־פראָנט, וועלכער שטעלט אָפּ די יאַפּאַנעזישע אַרמייען נאָך אַ ריי גרויסע קרבנות.

אין אַמעריקע, ווי אומעטום, באַשטייט די שוואַכקייט פון דעם לאַגער פון דעמאָקראַטיע און פאָרטשריט אין צעטיילונג און אומאייניגקייט. דער כח פון דעם דאָזיגן לאַגער ווערט געמאָסטן אינגאַנצן דורך דער שטופע פון אייניגקייט, וואָס ער קאָן דערגרייכן.

דער וועג צו זיג איבער פאַשיזם און מלחמה איז דער וועג פון אייניגקייט — אייניגקייט פון אַרבעטער קלאַס, אייניגקייט פון די דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאַסן, אייניגקייט פון פאָלק געגן זיינע עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער.

אַט דערפאַר קומט פאַר די צענטע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון די פאראייניקטע שטאַטן אונטער דעם לאָזונג פון אייניגקייט פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות — דעם אויפבוי פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט — אין דעם קאַמף פאַר דזשאַבס, זיכערקייט, דעמאָקראַטיע און פרידן.

# 1. די אַפּענסיווע פון רעאַקציע און דער אויפבוי פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט

אויף אונזער נײַנטער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן, צוריק מיט צוויי יאָר, האָבן מיר געגעבן אַן אַלאַרעם־סיגנאַל וועגן דער געפאַר פון די רעאַקציאָנערע כחות, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון פאַשיזם און מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרכאַפּן דעם קאָנטראָל איבער אונזער לאַנד. מיר האָבן אַרויסגערוקט דעם הויפּט־לאָזונג: „פאָרשריט געגן רעאַקציע, דעמאָקראַטיע געגן פאַשיזם“. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם הויפּט־שונא, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אַרום דער פּאָן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי; מיר האָבן געוואָרנט די מאַסן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמעלט אַרום פּרעזידענט רוזוועלט, אַז דער באַנער פון זײַן פּאַרטיי, פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט געשיצט אַ סך בייזע כחות, וואָס זײַנען געשטאַנען נאָענט צו די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן פון דער ליבערטי ליג, וועלכע האָבן מאַניפּולירט מיט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, און אַז זיי זײַנען אין אַ גלײַכער מאָס — שונאים פון דעמאָקראַטיע און פון פאָלק. מיר האָבן גערופן די מאַסן אויסצונוצן אין דער פולסטער מאָס די וואַלן פון 1936 אויף צו באַזיגן די רעאַקציאָנערן און בויען דעם פאַראייניקטן פראָנט פון פאָלק פאַר דעמאָקראַטיע און פרידן.

זינט דאַמאָלט זײַנען פאַריבער צוויי יאָר, רייך מיט דערפאַרונג. דאָס פאָלק האָט אַ סך געלערנט דורך געווינסן און ריקשטויסן, דורך זיגן און נידערלאַגעס. פון די דאָזיגע דערפאַרונגען קומען מיר אַרויס געשטאַרקט דורך אַ טיפערער פאַרשטענדעניש פון אונזערע אויפגאַבן, דורך אַ ברייטערער אָרגאַניזאַציע פון אונזערע כחות און מיר פאַרנעמען שטאַרקערע פּאָזיציעס, פון וועלכע מיר דאַרפן גיין פאָרויס. אונזערע שוועריגקייטן זײַנען געוואָרן גרעסער, אָבער גרעסער איז אויך געוואָרן אונזער פייאיגקייט זיי בײַצוקומען. לאָמיר געבן אַ קורצן איבערבליק איבער די הויפּט־פונקטן אין אונזער פּאָליטישן פּנקס פון די לעצטע צוויי יאָר אויף ביידע זייטן זײַנע — געווינסן און ריקשטויסן, זיגן און נידערלאַגעס.

אין 1936 האָט דאָס פאָלק אָפּגעהאַלטן אַ גלענצענדן זיג איבער דעם רעאַקציאָנערן לאַגער מיט דעם ריזיקן דערפאָלג אין די וואַלן, וואָס רוזוועלט און דער „נייער דיל“ האָבן געהאַט. אָבער דער רעאַקציאָנערער לאַגער האָט אַרײַנגעשמוגעלט אין קאָנגרעס — אונטער דעם אָנשטעל פון פאָרמעלער פאַרבינדונג מיט רוזוועלט'ן — אַ גענוג־גרויסע מינאָריטעט, וואָס איז געווען בכח, צוזאַמען מיט די רעפּובליקאַנער, צו סאַבאָטאַזשירן און באַזיגן די הויפּט־פּראָגראַם, פאַר וועלכער דאָס פאָלק האָט געשטימט אין די וואַלן.

אין 1936 און שפּעטער האָבן די אַרבעטער דורכגעבראָכן די קאַפּיטאַליסטישע פעסטונגען פון דעם „אָפּן שאָפּ“, די טראַסטיפיצירטע אינדוסטריען, האָבן געשאַפן אַ שטאַרקע אינדוסטריעלע יוניאָן־באַוועגונג, האָבן מער ווי פאַרדאָפּלט די נומערישע קראַפט פון די טרעיד יוניאָנס און האָבן אָנגעהויבן בויען זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער די רעאַקציאָנערע כחות האָבן באַוויזן צו צעשפּאַלטן די אַרבעטער באַוועגונג אויף צוויי קאָנקורירענדיקע צענטערס, וואָס פירן אַ ברודער־קאַמף.

די אַרבעטער, די פאַרמער און די מיטל־קלאַסן האָבן דערגרייכט נייע שוץ־מיטלען פאַר זייער איינקונפט, זייערע לעבנס־סטאַנדאַרדס און אַזוי אַרום זיך באַשיצט אין אַ געוויסער מאָס פון די ליידן פון אַ נייעם עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך. אָבער די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַזאַ מאַכט, און די רוזוועלט־אַדמיניסטראַציע האָט געהאַנדעלט אַזוי וואַקלדיק, אַז אַ „זיץ־סטרייק פון קאַפּיטאַל“ מיט דעם לאָזונג, „מאַנגל אין צוטרוי“ צו דעמאָקראַטיע, האָט באַוויזן אַריינצושלײַדערן אונזער לאַנד אין אַ נייעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מיט אַ רעקאָרד שנעלקייט.

דער לאַגער פון דעמאָקראַטיע האָט פאָרויסגעפירט זיינע פּאָזיציעס דורך זיין אַטאַקע אויף דער פעסטונג פון רעאַקציע אין דעם סופּרים קאָרט און האָט געצוואונגען צו שאַפן אַ געוויסע ליבעראַליזירונג אין זיין פּערסאָנאַל און זיינע פּאָליסיס; דורך זיין קאַמף פאַר דעם אַנטי־לינטשינג ביל; דורך זיינע אויפדעקונגען און קאַמף געגן לאָקאַלע רעאַקציאָנערע מאַשינס, ווי די קעלי־נעש מאַשין אין שיקאַגאָ, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מעמאָריאַל־דעי שחיטה (אין שיקאַגאָ, דעם 30טן מאַי, 1937), און געגן דעם שענדלעכן העיג־רעזשים אין דזשוירזי סיטי. דער לאַגער פון רעאַקציע האָט אָבער באַוויזן צו באַזייטיגן די סופּרים־קאָורט רעפאָרם, צו דערמאָרדן דעם אַנטי־לינטשינג ביל דורך אַ פיליבוסטער פון אַ מינאָריטעט און אָפּצולייגן די צעשמעטערונג פון די ערגסטע לאָקאַלע רעאַקציאָנערע מאַשינס, אָדער פאַרבייטן זיי מיט אַנדערע, וואָס זיינען פונקט אַזוי רעאַקציאָנער.

די פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט באַוויזן אויף אַ גלענצענדן אופן אַריינצודרינגען אין דער טעריטאָריע פון דער אַלטער „סאָלידער סאוט“, צו צעברעכן איר סאָליד־רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, אויפהויבן אַ דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונג און שאַפן דעם צוזאָג פון אַ „נייער סאוט“. אָבער דער רעאַקציאָנערער לאַגער קאָנטראָלירט נאָך אַלץ מערסטע הויפּט־פּאָזיציעס אין דער סאוט, וואָס ער פאַראייניקן מיט דער נאָרט־רעאַקציע פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי.

צולעצט — דער לאַגער פון פּאָרטשריט און דעמאָקראַטיע איז וואָך געוואָרן וועגן דער ווירקלעכקייט פון דער אַרומיגער וועלט, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע חלומות וועגן „איזאָלאַציע“ אין אַ וועלט, וואָס שטייט אין געפאַר פון פאַשיזם און מלחמה, און האָט געפונען אַן אויסדרוק פאַר זיין אויפגעוואַכטן געוויסן אין רוזוועלט׳ס רוף צו שאַפן „אַ קאַראַנטין געגן די מלחמה־מאַכער“. אָבער די טאָג־טעגלעכע פּראַקטישע פּאָליטיק פון וואַשינגטאָן ווערט געפירט אויף דער רעאַקציאָנערער ליניע, וואָס איז אַ הילף פאַר די באַנדיטישע רעגירונגען אין זייערע אַגרעסיעס און פאַר טשעמבערלען׳ס רעגירונג — אין איר פּאָליסי פון קאַפּיטולירן פאַר די באַנדיטישע רעגירונגען און זיי אַרויסהעלפן.

מיר קאָנען סומירן די וויכטיגסטע רעזולטאַטן פון די לעצטע צוויי יאָר אויף אַזאַ אופן: דער לאַגער פון פאָלק, פון פּאָרטשריט און דעמאָקראַטיע, האָט געוואונען אַ צאָל וויכטיקע שלאַכטן און פּאָזיציעס, איז געוואָרן באַוואוסטזיניק וועגן זיין אייגענער עקזיסטענץ, זיינע שונאים, זיין אייגענער פּאָטענציעלער מאַכט און וועגן דער הויפּט־ריכטונג פון דער פּראָגראַם, וואָס בלויז זי אַליין קאָן דורכפירן די אַלע אויפגאַבן און ברענגען אַ זיג דעם פאָלק. דער פאָלקס־לאַגער האָט אָנגעהויבן מאַכן זיינע ערשטע שריט אין דער ריכטונג פון אָרגאַניזירן זיינע כחות.

דער לאַגער פון רעאַקציע, פון די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, האָט געליטן אַ צאָל ערנסטע מפּלות; ער מאָביליזירט פיבערדיק זיינע רעזערוון צו דער שלאַכט, פאַראייניקט זיינע פאַרשיידענע אַרמייען אונטער איין קאָמאַנדע און גרייט־צו אַ פאַרצווייפעלטע גענעראַל־אַטאַקע איבער דער גאַנצער ליניע, געגן די לעבנס־סטאַנדאַרדס און די דעמאָקראַטישע רעכט פון פאָלק. ער פאָלגט די סטראַטעגישע ליניע פון צעטיילן דעם דעמאָקראַטישן לאַגער און צו באַזיגן די באַזונדערע טיילן זיינע, פונקט נאָך פונקט, דורך אַ קאָנצענטראַציע פון די פאַראייניקטע כחות פון רעאַקציע קעגן אַ צעטיילטער דעמאָקראַטיע.

## די רעאַקציאָנערע סטראַטעגיע — „צעטייל און באַהערש“

די רעאַקציאָנערן האָבן אויסגעפונען, אַז ווען זיי קומען צום פאָלק מיט זייער אייגענער פּראָגראַם, אָפענערהייט, — ווען זיי ווייזן זייער אמת׳ן פּרצוף, שטעלט זיך אַוועק די גרויסע מאַסע פון פאָלק אַנטשיידן געגן זיי. דער גורל פון דער „ליבערטי ליג“ מיט איר „ביליאָן־דאָלאַרדיגן באַנקעט“, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן פאַר אַל סמיט׳ן אין 1936, האָט זיי געגעבן אַ לעקציע: די „ליבערטי ליג“ איז איבער אַ נאַכט געוואָרן דער סימבאָל פון דער שוואַרצסטער רעאַקציע, די פאָן פון די פאָלקס־

שונאים, וואָס אַלע האָבן זי דערקענט ווי אַזעלכע. דער גורל פון לענ־דאָנען און דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי אין די וואַלן פון 1936 האָט נאָך מער אונטערשטראָכן די דאָזיע לעקציע. דייטלעכע „אישום“ און אַ דייטלעכע צעטיילונג פון לאַגערן היינט־צו־טאָג איז אַ גאַראַנטיע פאַר אַ סאָלידן פראָנט פון דעם פאָלק געגן רעאַקציע. די רעאַקציאָנערן האָבן דעריבער איין הויפּט־טאַקטיק און סטראַטעגישע ליניע היינט־צו־טאָג: צו פאַרטומלען די „אישום“ אום יעדן פּרייז, צו באַנוצן זיך מיט דעמאַ־גאָגיע, צוברעכן די איינִיקייט פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, צו צע־טיילן דאָס פאָלק, כדי דאָס צו באַזיגן.

דאָס איז אויך געווען די פונדאַמענטאַלע סטראַטעגיע פון דער „לי־בערטי ליג“, אָבער היינט צו טאָג ווערט זי אַנגעווענדט אַ סך פלינקער. דאָס איז די סטראַטעגיע, וואָס היטלער האָט אָנגעווענדט. „פרייהייט“ ווערט אידענטיפיצירט מיט רעאַקציע; אַלץ וואָס איז פּראָגרעסיוו און דעמאָקראַטיש ווערט באַצייכנט ווי „רויט“, קאָמוניסטיש“, און „אָרדערס פון מאָסקווע“. אָבער בעת אין 1936 איז די דאָזיקע סטראַטעגיע אָנ־געווענדט געוואָרן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט דורך די דו־פּאָנטס, הוירסט, אַל סמיט און לענדאָן, ווערט זי איצט ארויסגערוקט צום פאָדער־גרונד דורך די ווילערס, די אַלטע שלעפּ־פערד פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי־מאַשין און די שוואַך־מוטיקע און שוואַכזיניקע „פּראָגרעסיסטן“, וואָס לאָזן זיך אריין־מאַנעווּרירן אין דעם רעאַקציאָנערן לאַגער דורך אַלערליי דעמאַגאָגישע טריקס און דורך ערגערע מיטלען. זיי שפּילן אף דעם פּראָווינציאַליזם און אף די אַמביציעס פון די לאָקאַלע עטס, האָפנדיק דורך דעם צו פאַרקירעווען די שטרעבונגען פון די מאַסן צו אַן אייגענער פּאַרטיי אף דעם רעאַקציאָנערן וועג. זיי פירן אָן אַ גרויסע „פּאָבליסיטי“־קאַמפּאַניע אויפצושפּילן וויס־פּרעזידענט גאַרנערן ווי דעם „פריינט פון פאָלק“ און שטעלן אים אַנטקעגן פּרעזידענט רוזוועלטן. זיי פירן אָן אַ קאַמפּאַניע פון האַס קעגן דעם פּרעזידענט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט זינט לינקאָלנ׳ס צייטן און קירעווען די קאַמפּאַניע אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ מאָדערנע אויפלאַגע פון דזשאָן ווילקס בוט (מערדער פון אייברעהעם לינקאָלן) — אַ קאַמפּאַניע, וואָס האָט שוין געשאַפן קאַנדי־דאַטן צווישן פאַרשוינען פון דעם „משוגעים־זוים“ און אין דער אונטער־וועלט פון רעאַקציע, וואָס אייניגע פון זיי זיינען שוין אונטער אַרעסט, —אַ קאַמפּאַניע, וואָס האָט געפונען אַ פחדנ׳ישן אָפּקלאַנג אין דעם ברייט־פאַרשפּרייטן קאָלום פון דעם רעספּעקטאַבעלן מאַרק סאָליוואַן. זיי שאַפן און פאַרשטאַרקן דעם עקאָנאָמישן קריזיס און דערנאָך פּרואוון זיי וואַרפן די שולד אף דער אַרבעטער באַוועגונג און אף דעם „נייעם דיל“. זיי רייצן אויף אַ ברודער־קאַמף אין דער אַרבעטער באַוועגונג און פּרואוון

פאַראייביקן די שפּאַלטונג, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן די האָטשינסאָנס, יואַרטאָנס און גרינס פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער א. פ. אָוו ל. זיי רייצן אויף די פאַרמער קעגן די אַרבעטער און די אַרבעטער קעגן די פאַרמער, און די מיטלקלאַסן קעגן ביידע, שפּילנדיק אויף אַלע קליינע געגנזאַצן און מיספאַרשטענדענישן. זיי באַנוצן אַפילו אָף אַן אָרגאַניזירטן אופן די טראָצקיסטישע און לאָווסטאָניסטישע גרופּקעלעך, אָפּשאַצנדיק גלייך זייער רעאַקציאָנערן כאַראַקטער אַלס ספּעציאַליסטן פון אינטריגע, צעשטערונג און פּראָוואָקאַציע. זיי נוצן אויס אַפילו די באַרעכטיגטע טענות און קריוודעס פון פאָלק, ספּעציעל פון די אַרבעטלאָזע און די פאַרמער, קעגן דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע, וועלכע נעמען זיך הויפּטזעכלעך פון די קאָנצעסיעס, וואָס די אַדמיניסטראַציע האָט געמאַכט צו די רעאַקציאָנערן, און רייצן אויף בונטאַרישע שטימונגען און באַוועגונגען, וואָס זיי פּרואוון דערנאָך אויסנוצן אויף צו צעשמעטערן די פּראָגראַם פון קאָנצעסיעס צום פאָלק. זיי זוכן צו שאַפן אַן אַטמאָספערע פון בירגערלעכע צוזאַמענשטויסן, פון גוואַלד־מאַכט, וואָס גרעניצט זיך מיט בירגער־קריג און צעשטערן די אָרדענונגס־מעסיקע פּראָצעסן אין אַלע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, באַזונדער אין די אַרבעטער קאַמפן און אין די פּראַגן פון בירגער רעכט. די אויסגעשפּראָכענסטע ביישפּילן דערפון זייגען די שחיטות אויף די שטאָל סטרייקער און העיג׳ס פּאַשיזם אין ניו דזשוירזי. הינטער אָט דעם אָרגאַניזירטן שווינדל און צעטומלעניש צווישן די פאָלקס־מאַסן, מיטן צוועק זיי צו צעמישן און ברעכן זייער סאָלידן פראָנט, שטייט די נייע פּאָליטישע קאָאַליציע פון אַלע רעאַקציאָנערע כוחות, וואָס איר הויפּט קערפּערשאַפט איז דער רעאַקציאָנערער יאָדער פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, צו וועלכער עס זייגען צוגעבונדן די קאָרופּטע לאָקאַלע מאַשינען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (לויט דעם מוסטער פון טאַמעני האָל) און די בורבאָנען „דעמאָקראַטיע" פון דער סאַוט.

אין צענטער פון אָט דער פּאָליטישער אָפענסיווע פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער איז דער פאַראייניקטער פאַרזוך פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל צו צעברעכן די סטאַנדאַרדס פון לוין און אַרבעט־באַדינגונגען, אויסצונוצן דעם עקאָנאָמישן קריזיס, כדי צו צעשמעטערן די שטייגענדיקע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, אָנצוהאַלטן די הויכע שטופּע פון מאָנאָפּאָליסטישע פּראָפיטן דורך אַרונטערדריקן די לעבנס סטאַנדאַרדס פון די פאָלקס מאַסן, פאַרוואַנדלענדיק „דעם אַמעריקאַנעם לעבנס סטאַנדאַרד" אין אַ וויץ. דאָס איז דער ענד־ציל פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער און צוליב דעם רייסן זיך די רעאַקציאָנערן אַזוי פאַרצווייפלט צו פאַרכאַפּן די רעגירונגס מאַכט, צוליב דעם זייגען זיי גרייט צו צעברעכן און

איועקוואַרפן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, צוליב דעם זוכן זיי מיט זייער גאַנצער מאַכט צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר דעם וואַקסנדיקן דע־מאָקראַטישן פאָלקס פראָנט און אים צעברעכן. און אַט דעם הויפּט־ציל זייערן זוכן זיי צו באַהאַלטן אום יעדן פּרייז, ווייל זייער איינציקע האָ־פענונג אויף דערפאָלג איז — צעטיילן און צעטומלען די מאַסן. זיי קאָנען זיגן נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועט זיך איינגעבן צו צעברעכן די איינינגקייט פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

## דער דעמאָקראַטישער פראָנט — ווי אַזוי ער קאָן געבויט ווערן — ווי אַזוי ער קאָן געווינען

די אַטאַקעס פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל קעגן די לעבנס־סטאַנ־דאַרדס פון די מאַסן האָבן געצוואונגען דאָס פאָלק צו אָרגאַניזירן זיך אַלץ מער און מער צוליב זעלבסט־שוץ און אויסצוהאַמערן נייע מיטלען פאַר דעם דאָזיקן צוועק. אַזוי אַרום האַלטן די כחות פון דעמאָקראַטיע אין אָרגאַניזירן זיך אַלץ מער מיט אַ טענדענץ צו פאַראייניגן זיך אין אַ געמיינשאַפטלעכן פראָנט. אין דעם משך פון עטלעכע יאָר האָבן מיר געזען ווי אַזוי דער דאָזיקער קאַמף האָט דורכגעשניטן אַלע אַלטע פּאָלי־טישע פאַרבינדונגען פון די מאַסן, האָט צעשמעטערט די אַלטע פּאָלי־טישע פּאַרטיי־סטרוקטור, וואָס האָט געהערשט אין אַמעריקע זינט דעם בירגער־קריג, און ווי דער דאָזיקער קאַמף פורעמט איצט איבער דאָס אַמעריקאַנער פּאָליטיש לעבן אין אַ נייעם פורעם פון צוויי גאַנץ נייע פּאָליטישע לאַגערן. מיר דערנעענטערן זיך איצט צום קלימאַקס פון אָט־דער נאַציאָנאַלער פּאָליטישער איבערגרופּירונג.

פון צענטראַלער וויכטיגקייט איז דער אַלץ טיפערער קאַמף פון די פּראָגרעסיווע געגן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי. מיר האָבן דאָס שוין פאָראויסגעזען און האָבן צוגעפּאַסט אונזער פּאָליסי דאָס צו פאַרלייכטערן אויף אונזער 9טער קאָנווענשאָן צוריק מיט צוויי יאָר. נאָך די וואַלן האָבן מיר אויסגעדריקט אונזער דורכגעטראַכטן אורטייל, אַז „קלאַסן גרופּירונגען זיינען אַרויסגעטראָטן פאָראויס ווי אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין די וואַלן פון 1936, אומ־וואָרפענדיק און פאַרשלינגענדיק די אַלטע לאָקאַלע טראַדיציעס און אינ־טערעסן“... „די דאָזיקע ענדערונג איז ניט צופעליק אָדער צייטווייליק, נאָר איז אַ פּערמאַנענטע נייע ריכטונג פון דעם אַמעריקאַנישן לעבן“. מיר האָבן געוואָרנט, אַז „די באַזיגטע רעאַקציאָנערן האָפן צוריקצוגע־ווינען זייערע פאַרלוסטן מיט דער הילף פון דעם דעמאָקראַטישן רעכטן פליגל, דורך באַאיינפלוסן רוזוועלטן, דורך צעשפּאַלטן די דעמאָקראַטי־שע פּאַרטיי און דורך דעם סופרים קאָורט“. אונזער אורטייל איז פול־

שטענדיק באשטעטיגט געװאָרן דורך דעם גאַנג פון געשעענישן. די קלאַסן־גרופּירונג, װאָס האָט זיך באַװיזן אין די װאַלן פון 1936, האָט געצװאונגען די פּראָגרעסיװע צו פירן זײער קאַמף אין נײע ריכטונגען — דער קאַמף צו צוימען דעם סופרים קאָורט און צו צוימען די מאַכט פון די מאָנאָפּאָליעס דורך באַשטײערונג און רעגולירונג — און האָט אױסקריסטאַליזירט אין די פאָרמעלע ראַמען פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטײ צװײ אין־עצם־באַזונדערע פּאַרטײען, װאָס דער רעכטער פליגל האָט געשאַפן אַ קאָאַליציע מיט די רעפּובליקאַנער. דער פּראָגרע־סיװער פליגל האָט אָפּגעהאַלטן אַ היסטאָרישן זיג, װען ער האָט אָפּגע־שאַפט דעם טראַדיציאָנעלן צװײ־דריטל רעגלאַמענט צו נאָמינירן אַ פּרע־זידענט־קאַנדידאַט אױף דער דעמאָקראַטישער קאָנװענשאָן, — װאָס דאָס האָט דער אַלטער סאַוט שטענדיק געגעבן אַ װעטאָ־מאַכט איבער דער נאָרט און דער װעסט און איז געװען דער באַזיס פון דער מאַכט פון די בורבאָנען אין דער סאַוט. די סאַוט גופא איז זינט 1936 פאַרענדערט געװאָרן אַזױ, אַז די בורבאָנישע אַלטע גװאַרדיע איז שױן אױף דער העפענסיװע און איז שױן אַרױסגעשטויסן געװאָרן פון אַ סך ערטער. הײנט צו טאָג, װען די „אישוס“ זײנען געװאָרן אַ סך שאַרפער, האָט דער „ניו דיל“־פליגל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטײ אַ שטאַרקערע פּאָזיציע װי צוריק מיט 2 יאָר. דער רעכטער פליגל פאַרהאַנדלט שױן װעגן אַ פאָרמעלער קאָאַליציע מיט די רעפּובליקאַנער צו שאַפן אַ נײע פּאַרטײ נאָך פאַר דעם יאָר 1940, בעת די רעפּובליקאַנער װאָרט־פירער האָבן שױן אײנגעשטימט, אַז די נײע רעאַקציאָנערע פּאַרטײ זאָל אױך האָבן אַ נײעם נאָמען.

דער „ניו דיל“ פליגל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטײ, געשאַפן אונטער דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט רוזװעלט, װערט געשטיצט פון אַ גרױסער נאָכפאָלגערשאַפט, דאָס רוב ניט אָרגאַניזירט, פון אַרבעטער, פאַרמער און שטאָטישע מיטלקלאַסן. מיט עטלעכע אױסנאַמען, איז דער דאָזיקער פליגל אונטער דער פירערשאַפט און קאָנטראָל פון אַ פּאַרטײ־אַפּאַראַט, װאָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטישענס, װעלכע שטאַמען פון די מיטלקלאַסן און פאַרטרעטן הױפּזעכלעך די מיטל־קלאַס־אינטערעסן און שטרעבונגען. דער דאָזיקער פליגל רופט זיך אָפּ אױף די אינטערעסן און פאַרלאַנגען פון די אַרבעטער און פאַרמער אין דער מאַס, ערשטנס, װי ער געפינט דאָס פאַר נױטיק, כדי צו געװינען די שטיצע פון די ניט־אָרגאַניזירטע מאַסן, און, צװײטנס — אין דער מאָס װי די אַרבעטער און פאַרמער זײנען זעלבסטשטענדיק אָרגאַניזירט, קאָ־נען קומען צום אױסדרוק און זײנען קלאָר אין זײערע פאָדערונגען. מיט אַלע זײנע שװאַכקײטן און קאָנפּעקײטן, מיט אַלע זײנע װאַקלונגען און

צעטומלעניִשן איז דער דאַזיקער „ניו דיל"־פליגל אונטער רוזוועלט׳ס פירערשאַפט א וועזנטלעכער טייל פון דעם וואַקסנדיקן דעמאָקראַטישן פראָנט קעגן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. זיין ראָל איז ניט פאַרענדיקט דורך דעם, וואָס דער רעכטער פליגל פון די דעמאָקראַטן שפּאַלט זיך אוועק, כדי זיך פאַרשמעלצן מיט די רעפּובליקאַנער. פאַרקערט, ערשט נאָך אָט דער אָפּשפּאַלטונג טרעט אריין דער „ניו דיל"־פליגל אין דער שטור־פּע פון זיין פולער אַנטוויקלונג. דער דאַזיקער פליגל שאַפט היינט צו טאָג די ברייטסטע ראַם — אפילו ווען זי איז אומשטאַנדהאַפטיק און ניט פאַרענדיקט — פאַר דער צונויפזאַמלונג פון אַלע כחות פון דעם דעמאָ־קראַטישן פראָנט, פון דער מערהייט פון פאָלק, אין די וואַלן פון 1938.

אויך די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי באַשטייט ניט פון איין רעאַקציאָנע־רער מאַסע, ווי עס קאָן זיך דאַכטן, ווען מען אורטיילט זי בלויז לויט איר פאַרטרעטערשאַפט אין קאָנגרעס. אין א סך ערטער זיינען אירע קלענערע פירער, וועלכע שטייען נעענטער צו די מאַסן, געוואָרן און ווערן אַלץ מער אומרואיק אונטער דעם קאָנטראָל פון זייערע רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַלע גדולים, און זייער רעוואָלט ווערט ווייטער סטימולירט דורך זייער דורשט נאָך רעגירונגס־שטעלעס און איינקונפט, וואָס לאָזן זיך קריגן בלויז דורך מאַסן־שטיצע, וועלכע עס ווערט אַלץ שווערער צו באַ־קומען דורך אַנדערע מיטלען ווי א פּראָגרעסיווע פּלאַטפאָרם. אן אָנגע־זעענער ביישפּיל פון אזא דערשיינונג איז די שטאַט ניו יאָרק, וואו א טייל פון די רעפּובליקאַנער און די קאָמוניסטן זיינען געווען פאַראייניקט אין דער אַמעריקאַן לעיבאָר פּאַרטיי מיטן צוועק ווידער צו דערווייל̈ן לאַ גוואַרדיאַ׳ן.

אָט די ברייטסטע און א גרויסער מאָס ניט־אָרגאַניזירטע פּראָ־גרעסיווע מאַסן ווערן סטימולירט און אַריינגעצויגן אין ענגערער קאָאָפּע־ראַציע דורך די וואַקסנדיקע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון די מאַסן — די אַרבעטער, פאַרמער, מיטלקלאַסן, נעגערן און אז. וו. דורך וועלכע דאָס פאָלק באַטרעט די פּאָליטישע בינע ווי א באַוואוסטזי־ניקע אָרגאַניזירטע מאַכט. די דאָזיקע זעלבסטשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס זיינען הויפּטזעכלעך, אויף א נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — לעיבאָר׳ס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג, וואָס איז באַזירט אויף די טרעיד־יוניאָנס און שפּיגלט אָפּ זייער וואוקס סיי פון דער א. פ. ל. און סיי פון דער סי. אי. אָ. (מען דאַרף באַמערקן די פאַרזוכן, וואָס גרין האָט לעצטנס געמאַכט אַרויסצו־ציען די א. פ. ל. יוניאָנס פון דער ליג); אויף א סטעיט מאַסשטאַב — די אַמעריקאַן לעיבאָר פּאַרטיי פון ניו יאָרק, די פאַרמער־לעיבאָר פּאַרטיי פון מינעסאָטאַ, די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי פון וויסקאָנסין, די קאָמאָנוועלט

פעדעריישאָנס פון וואשינגטאָן און אָרעגאָן, און אַז. יו. ; און די רעפּרעזענטאַטיווע ספּעציעלע גרופּן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, — דער נאַציאָנאַלער נעגער־קאָנגרעס, דער אַמעריקאַנער יוגנט־קאָנגרעס, די אַמעריקאַנער ליג פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע זעלבסשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון פאָלק זיינען די דינאַמישסטע, די פּראָגרעסיווסטע און די פאַראייניגטסטע און זיכערסטע טיילן פון דעם וואַקסנדיקן דעמאָקראַטישן פראָנט.

דער אויפבוי און קרעפטיגונג פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט פאָדערט, פאַר דעם צוועק צו באַזיגן די כחות פון רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה, דעם גלייכצייטיקן אויפבוי און די זעלבשטענדיקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער און די פאַראייניקונג פון די פאַרמער און מיטלקלאַסן מיט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ווי אַ מיטל אָנהאַלטן די איינהייט פון דער מערהייט פון פאָלק, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל און רעאַקציע אין די וואַלן פון 1936, און ווי אַ מיטל צו קרעפטיקן די דאָזיקע מערהייט, כדי צו מאַכן זיכער, אַז די רעאַקציאָנערע כחות וועלן באַזיגט ווערן אום יעדן פּרייז.

דאָס, אין קורצן, איז דער ענטפער אויף דער פראַגע ווי אַזוי דער דעמאָקראַטישער פראָנט קאָן געבויט ווערן און ווי אַזוי ער קאָן געווינען. דאָס איז דער זיכערסטער און שנעלסטער וועג צו בויען די נייע פּאַרטיי פון פאָלק, פאַר וועלכער אַלע אמת־פּראָגרעסיווע מענטשן און דעמאָקראַטן אַרבעטן, שטרעבן און קעמפן.

אַן אַנדער ענטפער אויף די אַלע קאָמפּליצירטע און שווערע פּראָבלעמען איז לעצטנס פאָרגעשלאָגן דורך דער האַנדלונג פון פיל לאַפאָלעט, גאָווערנאָר פון וויסקאָנסין, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון אַ נייער פּאַרטיי, אַ פּאַרטיק־אויפגעגנייטע, אונטערן נאָמען „נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיסטן פון אַמעריקע“. אונזער צענטראַל קאָמיטעט האָט שוין פאַרעפנטלעכט אַ דעטאַליזירטן אַנאַליז און מיינונג וועגן דער דאָזיקער פּאָליטישער אַוואַנטוריע, וואָס איך רעקאָמענדיר אייך אים גרינטלעך דורכצושטודירן (איר זייט באַרעכטיקט צו וויסן, אַז דעם אַנאַליז האָט געשריבן חבר ביטעלמאַן אויף דעם באַזיס פון אַן אַלגעמיינער דיסקוסיע פון אונזער פּאָליטישער ביוראָ). איך דאַרף דאָ ניט ווידערהאָלן די דעטאַליזירטע אונטערזוכונג, וואָס מיר האָבן געגעבן אין יענעם וויכטיקן דאָקומענט. דערלויבט מיר אָבער צוצוגעבן נאָך עטלעכע באַמערקונגען און אונטערציען אַ סך הכל איבער דער דאָזיקער פראַגע.

פיל לאַפאָלעט עקספּלואַטירט, ווי זיין הויפּט־קאַפּיטאַל, די טראַדיציע פון זיין גרויסן פאָטער און די דערפאָלגרייכע פּראָגרעסיווע פּאַרטיי,

וואס איז אין מאכט אין וויסקאנסין סטעיט. ער האט אבער געמאכט צוויי שארפע אפקערן סיי פון זיין פאטער'ס טראדיציע און סיי פון דער פראגרעסיווער פארטיי. ער האט אפגעווארפן די פלאטפארם פון דער וויסקאנסינער פארטיי און האט אנשטאט דעם אנגעבאטן עפעס אן אומקלארע, א צווייטייטיקע זאך, וואס איז אויסגערעכנט אזוי, אז די מאסע בירגער זאלן דאס פארשטיין אף איין אופן און די עקספלואטירנדיקע קלאסן, זייערע שונאים — אויף פונקט א פארקערטן אופן; פיל לאפאלעט'ס פלאטפארם איז עפעס אזוינס, וואס זיין פאטער, דער פראסט־ריידנדיקער „קעמפערישער באב“, וואלט זיך דערפון איבערגעקערט אין זיין קבר. פיל לאפאלעט האט אויך אפגעווארפן דעם מעטאד, די סטראטעגיע און די טאקטיק דורך וועלכע די וויסקאנסינער פארטיי איז ארגאניזירט געווארן. דער דאזיקער מעטאד איז באשטאנען אין דעם, וואס די אנהענגער פון דער נייער פארטיי זיינען ארויס פון די אלטע פארטייען און האבן אנגעהויבן א זעלבסטשטענדיק לעבן אין אזא מאמענט און איבער אזוינע אישום, וואס זאלן זיכערן די אייניקייט פון דער פראגרעסיווער מערהייט הינטער דער נייער פארטיי גלייך פון אנהויב און זאלן אזוי ארום אויסמיידן די געפאר פון צעשפליטערן די פראגרעסיווע כחות און שאפן א ביליקן זיג פאר די רעאקציאנערן. אט די ביידע נייע מיטלען, — אן אומקלארע פלאטפארם, וואס גייט אוועק פון דער דערפארונג פון די לעבעדיקע פראגרעסיווע און דעמאקראטישע ארגאניזאציעס און מאסן באוועגונגען, און דער נייער מעטאד, וואס צערודערט די אייניקייט פון דעם דעמאקראטישן פראנט, — דאס איז א געפאר פאר דעם פאלק.

פיל לאפאלעט האט פאר דער פראקלאמירונג פון זיין פארטיק־אויפגעגייטער פארטיי געהאלטן עטלעכע ראדיא רעדעס, וועלכע ער האט קריטיקירט דעם רעקארד פון פרעזידענט רוזוועלט'ס אדמיניסטראציע. זיכער איז פאראן מער ווי גענוג צו קריטיקירן אין יענעם רעקארד, און עס וואלט ווירקלעך ניט געווען שיין מצד די קאמוניסטן, וועלכע זיינען די גאנצע צייט געווען און בלייבן די אויסגעהאלטענסטע און דורכדרינגענדיגסטע קריטיקער פון רוזוועלט'ן אויסצוזעצן אין אלגעמיין געגן דער שטרענגסטער קריטיק אין אזא ריכטונג. די פראגע איז אבער ניט וועגן קריטיק בכלל, נאר וועגן דעם מין קריטיק, וועגן דער ריכטונג פון דער קריטיק. די פראגרעסיווע מאסן קריטיקירן רוזוועלט'ן דערפאר, וואס ער לייגט אפ די אויפגאבע פון אויסברייטערן רעליף און געזעלשאפטלעכע ארבעטן; לאפאלעט ווארפט אפ די גאנצע אידייע פון רעליף און געזעלשאפטלעכע ארבעטן — אונטער די אפלאדיסמענטן פון דעם „דזשורנאל אוו קאמערס“, הוירסט, וואלטער ליפמאן, די „ניו יארק טריביון“ און דעם גאנצן כאר פון דעם רעאקציאנערן לאגער. די פראגרעסיווע מאסן

קריטיקירן דעם פרעזידענט פאר דער קנאפקייט פון זיינע פארשלאגן צו באפרידיקן די דרינגענדיקסטע באדערפענישן פון די 4 מיליאן ארבעט־לאזע; לאפאלעט, צוזאמען מיט הואווער'ן וואלט אפגעשאפט אפילו די קנאפע מיטלען. אזוי ארום האט לאפאלעט'ם קריטיק די ווירקונג, אויב זי האט בכלל וועלכע עס איז ווירקונג אויף דעם קאנגרעס און אף דער אדמיניסטראציע, ניט צו פארריכטן די שוואכקייטן און קנאפקייטן פון רוזוועלט'ם אדמיניסטראציע, נאר זיי צו פארשטארקן און אריינצו־ברענגען א צעמישעניש אין דעם דעמאקראטישן פראנט.

לאפאלעט'ם נייע אוואנטיורע אין דעם געביט פון נאציאנאלער פאליטיק איז אויפגענומען געווארן מיט אומרואיקייט און פארדאכט מצד דער גרויסער מערהייט פארטרעטער פון די ארבעטער, די דעמאקראטישע און פראגרעסיווע עלעמענטן; זי איז אויפגענומען געווארן מיט כמעט לירישן ענטוזיאזם דורך די פארטרעטער פון דעם רעאקציאנערן לאגער. דאס איז דער פונדאמענטאלער אורטייל פון אונזער ברייטער דעמאקרא־טיע בנוגע לאפאלעט'ם „נאציאנאלע פראגרעסיסטן". די אומרואיקייט און פארדאכט פון דעם ארבעטער און דעם פראגרעסיוון לאגער איז ניט גע־ווען די שאפונג פון קאמוניסטן. אזוי זיכער זיינען מיר פון דער קא־מוניסטישער פארטיי געווען וועגן דער אומפארמיידלעכקייט פון דעם אורטייל, אז מיר האבן אבזיכטלעך זיך צוריקגעהאלטן פון פארעפנטלעכן אונזער מיינונג אויף עטלעכע טעג נאך די דראמאטישע פראקלאמירונגען אין מעדיסאן, כדי אט־די מאסן־מיינונג זאל שוין זיין אויסדריקלעך־רע־גיסטרירט, איידער מיר האבן גענומען דאסווארט, און כדי אונזער דע־טאליזירטער אנאליז זאל שוין האבן די שטיצע פון דעם אורטייל פון דעם ברייטן דעמאקראטישן פראנט.

א צאל פון לאפאלעט'ם פריינט האבן זיך שוין באקלאגט, אז די אומגינסטיקע מיינונגען וועגן זיין אוואנטיורע, וואס זיינען אזוי פאר־שפרייט צווישן די פראגרעסיווע עלעמענטן, נעמען זיך פון אייפערזוכט בנוגע זיין איניציאטיווע און פון דער רעקלאמע וואס זי האט געקראגן אין די צייטונגען. אזא אויסזעצונג איז ווירקלעך נאריש! ווער קאן זיין אייפערזיכטיק וועגן וועלכער עס איז איניציאטיווע, וואס העלפט ווירק־לעך אונזער געמיינשאפטלעכער שטרעבונג צו אייניקייט פון פאלק קעגן די מאנאפאליסטן און זייערע אגענטן? ווער וואלט זיך געוואקלט אויף א מאמענט צו שטיצן ענטוזיאסטיש יעדן פארזוך, וואס זאל ווייטער בא־פעסטיקן די ברייטסטע רייען אדער וועלכן עס איז טייל פון דעם דעמא־קראטישן פראנט, אדער וואס זאל פארטיפן אונזער פארשטענדעניש פון אונזערע אויפגאבן? קיינער ניט. קיין ערנסטער פירער און זיכער ניט קיין מאסן־ארגאניזאציעס! און ווינציקער פון אלע די קאמוניסטן, —

וואָס זייער פּאָזיציע פון אַ קלענער מינאָריטעט פּאַרטיי, וועלכע האָט ניט קיין באַלדיקע אויסזיכטן צו קריגן אַ מערהייט שטיצע פאַר איר ספּע־ציעלער און באַזונדערער פּראָגראַם פון סאָציאַליסטישער רעאָרגאַניזי־רונג פון אַמעריקע, מאַכט פאַר אונז נויטיק צו דערוואַרטן אַ לאַנגע צייט, אין דעם משך פון וועלכער מיר זיינען גרייט אָנצונעמען די דיסציפּלין פון אַ גרויסן ניט־קאָמוניסטישן דעמאָקראַטישן פראָנט, וואָס זיין דער־פאָלג איז אונזער איינציקע גאַראַנטיע געגן פאַשיסטישער רעאַקציע, מלחמה און קאַטאַסטראָפע. ניין, ניט אייפערזוכט קעגן לאַפאָלעט׳ן פערזענלעך האָט געבראַכט די פאַרדאַמונג קעגן זיין אַוואַנטיורע, נאָר אייפער פאַר דער איינקייט פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. אַזאַ מין אייפער, אָנגעהאַלטן מיט דער גרעסטער וואַכזאַמקייט, איז זייער אַ נויטיקע זאַך. אונז פרייט צו זען ווי ער איז אַזוי ברייט פאַרשפּרייט און קומט צום אויסדרוק. דאָס איז איינע פון די סמנים פון זיג פאַר דער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע.

פאַרשטייט זיך, אונזער געוועזענער פריינט, נאָרמאַן טאָמאַס, איז ניט איינשטימיק מיט אָט דעם אַלגעמיינעם אורטייל פון די פּראָגרעסיווע כחות אין אַמעריקע. ער זעט עטוואָס „האָפענונגספולס“, אין לאַפאָלעט׳ס אַוואַנטיורע און זאָגט, אַז זי איז ניט בלויז „לינקס“ פון רוזוועלטן, נאָר אפילו „לינקס“ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צוריקגערעדט אָבער, איז נאָרמאַן טאָמאַס אַזוי צעמישט בנוגע ריכטונגען, אַז ער האָט גערעכנט, אַז אפילו לענדאָן איז געווען „לינקס“ פון רוזוועלטן“. ער האָט פול־שטענדיק פאַרגעסן די עלעמענטאַרע לעקציע, וואָס מען לערנט קינדער אין די עלעמענטאַרע סקולס: אַז ריכטונג איז רעלאַטיוו, ניט אַבסאָלוט; אַז אויב איר גייט גענוג ווייט צו מערב, קומט איר אָן אין ווייטן מזרח; און אַז אויב אין פּאָליטיק פאָלגט איר נאָך אַן „עקסטרעם לינקע“ ליניע, וועט איר זיך באַלד געפינען אין דעם לאַגער פון די „עקסטרעם רעכטע“. נאָרמאַן טאָמאַס איז אַ לאַנגע צייט געווען אין דעם דאָזיקן זין ווייט צו „לינק“ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און עס איז פאַר אונז געווען אוממעגלעך צו געפינען אַ געמיינשאַפטלעכן באָדן מיט אים אפילו איבער די איינפאַכסטע און באַלדיקסטע פּראָבלעמען.

די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי פון וויסקאָנסין איז איינער פון די וויכ־טיקסטע און פאַרטגעשריטענסטע טיילן פון דעם נאַציאָנאַלן דעמאָקראַ־טישן פראָנט. זי וועט אָבער אָנהאַלטן די דאָזיקע פּאָזיציע בלויז דע־מאָלט, ווען זי וועט בלייבן געטריי צו איר ווירקלעך פּראָגרעסיווער פּלאַטפאָרם, וועלכע איז שטאַרק ענלעך צו רוזוועלט׳ס „נייעם דיל“, און צו איר פאַרמער־לעיבאָר באַזע, און וועט די דאָזיקע פּראָגראַם און באַזע ניט פאַרלאָזן, אַזוי ווי דאָס פאָדערט פיל לאַפאָלעט׳ס נייע אַוואַנטיורע.

יעדער איינער, וואָס קען די באַוועגונג אין וויסקאָנסין, קאָן פּאָראויס־זאָגן, אַז זי וועט זיך האַלטן פעסט אָן איר געזונטן פונדאַמענט, וועט אים ווייטער באַפעסטיקן און וועט זיך ניט יאָגן נאָך אַ האַלב־פּאַשיס־טישן בלאָנדזשענדיקן פייערל.

מיר וואָלטן געגעבן די זעלביקע עצה צו יעדער אַנדערער סטעיט־באַוועגונג, וואָס אירע פירער זאָלן פּלוצים אינספּירירט ווערן פון אַ משיח־איינרעדעניש. ווען די אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי פון ניו יאָרק וואָלט, דורך איינעם פון אירע פירער, פּלוצים פּראָקלאַמירט אַ „נאַציאָ־נאַלע לעיבאָר פּאַרטיי" מיט אַ פּלאַטפאָרם. וואָס איז אַרויסגעשלעפּט פון דער וועסטל־קעשענע און וואָס וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן ביז איצט, וואָלטן מיר זיך אָנגעשלאָסן אין מאַכן אים נאָך אַ שאַרפערן אויסרייד ווי לאַפאָלעט'ן — ווייל מיר דערוואַרטן מער פון די פירער פון דער לעיבאָר פּאַרטיי. ווען די פאַרמער־לעיבאָר פּאַרטיי פון מינעסאָטאַ האָט אין 1936 געטראַכט וועגן אַ נאַציאָנאַלער פּאַרטיי, האָט זי צונויפגערופן אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ צו דיסקוטירן די פראַגע, און ווען זי האָט אויסגעפונען, אַז אירע נויטיגע פאַרבינדעטע זיינען ניט גע־ווען רייף פאַר אַזאַ שריט, האָט זי געהאַנדעלט גאַנץ ריכטיג, ווען זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון אַ דאָן־קיכאָטישן און שעדלעכן אַרויסטריט, איינע אַליין. דאָס איז אַ באַשפּיל, וואָס לאַפאָלעט וואָלט געמעגט געווען נאָכ־פאָלגן און וואָס מיר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן צו יענער צייט פולשטענדיג גוט־געהייסן.

דער אויפבוי פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט פון דער מערהייט פון פאָלק קאָן ניט דורכגעפירט ווערן לויט אַ פּאַרטייאישן אָנגעצייכנטן פּלאַן — ווער עס זאָל ניט האָבן געצייכנט דעם פּלאַן. עס מוז געפונען ווערן פּלאַץ פאַר דער ברייטסטער פאַרשיידנאַרטיגקייט פון איניציאַטיווע און אָרגאַניזאַציע, אַזוי אַז אַלע זאָלן ביישטייערן צום געמיינשאַפטלעכן ציל. דער דעמאָקראַטישער „ניו דיל"־פליגל, די פּראָגרעסיווע רעפּובלי־קאַנער, די פאַרמער־לעיבאָר פּאַרטיי פון מינעסאָטאַ, די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי פון וויסקאָנסין, די קאָמאָנוועלט פעדעריישאָן פון וואַשינגטאָן, די אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי, לעיבאָר'ס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג, די טרעיד יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. און פון דער סי. אַי. אָ., די אַמעריקאַנער ליג פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע, דער נאַציאָנאַלער נעגער־קאָנגרעס, דער אַמעריקאַנער יוגנט־קאָנגרעס, פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, פאַר־מער־אָרגאַניזאַציעס, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, — אַלע, אַלע האָבן עפּעס וויכטיגס ביצושטייערן צום אויפבוי פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט און אַלע מוזן אויף איין אופן אָדער אַ צווייטן אַריינגעצויגן ווערן אין ווירקזאַמער קאָאָפּעראַציע. יאָ, אַפילו די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, ניט

געקוקט אויף איר קאטאסטראפישן צוזאמענברוך, — אויב זי קאן זין נאר אויסהיילן פון איר טראצקיסטישער קריינק, — קאן עפעס בייטראגן צום גרויסן קרייץ־צוג צו ראטעווען אמעריקע פאר דעמאקראטיע און פרידן. אבער די באדינגונג פאר אלע בייטראגן איז אזא: מיר מוזן פאלגן די פירענדיגע פרינציפן פון דעמאקראטיע און מער דעמאקראטיע אין אונזערע געמיינשאפטלעכע פארזוכן און דעם פרינציפ פון איניג־קייט און נאך מער איניגקייט אין דעם קאמף פאר דעמאקראטיע און פרידן.

גראד דערפאר וואס פיל לאפאלעט מיט זיין „נאציאנאלע פראגרע־סיסטן" איז אוועקגעגאנגען פון די דאזיקע פרינציפן, האט ער עס געפו־נען פאר מעגלעך אפצוטאן דעם אמעריקאנער פאלק „אויף לעמקע'ש"; גראד דערפאר האט ער געוואונען די אפלאדיסמענטן פון דעם רעאקציא־נערן לאגער; גראד דערפאר איז ער צוזאמען מיט זיין ברודער באב דער־גאנגען צו א פאליטישער בלינדער וואנט; און גראד דערפאר איז לא־פאלעט'ס בייטראג צום דעמאקראטישן פראנט, וואס וואלט געקאנט גע־ווען זיין גרויס, אזוי קאמפראמעטירט געווארן. אין דער אמעריקאנער פראגרעסיווער באוועגונג איז עס ניט מעגלעך צו שפילן זיך מיט פא־שיסטישע אידייען, סימבאלן און מעטאדן. זיי זיינען פולשטענדיק פרעמד דער אמעריקאנער טראדיציע, דעם אמעריקאנעם געדאנק און די אמערי־קאנער טענדענצן און שטימונגען פון היינט צו טאג.

די לאפאלעט־אוואנטיורע איז באדויערנסווערט און אין א געוויסן זין — טראגיש. לאמיר אבער ארויסראטעווען פון איר אזוי פיל געווינס ווי מעגלעך דורך דעם, וואס מיר וועלן זי פארוואנדלען אין א וויכטיקן קאפיטל פון דער פאליטישער דערציאונג פון דעם אמעריקאנעם פאלק.

## ווי אזוי צו פארשטיין דעם עקאנאמישן קריזיס

דער עקאנאמישער קריזיס, אין וועלכן אמעריקע איז ווידער פאר־שלונגען, איז נויטיגערהייז געווארן דער צענטער פון אלע פאליטישע פראבלעמען. א ריכטיקע פארשטענדעניש בנוגע זיינע אורזאכן און זיינע ווירקונגען איז א פאר־באדינגונג פאר יעדער ווירקזאמער פראגראם אין די אינטערעסן פון פאלק; א פאלשע פארשטענדעניש און אפשאצונג בנוגע די דאזיקע פראגן קאן מען געפינען אין דעם גרונט פון פיל לא־פאלעט'ס טעותן, ווי אויך אין די צאפלעניש פון נארמאן טאמאס.

ווען דער עקאנאמישער קריזיס האט זיך אומגעקערט צו אונז אין דעם זומער פון 1937, האבן מיר פון דער קאמוניסטישער פארטיי ארויס־

געדרוקט דעם לאָזונג: „ברעכן דעם זיץ־סטרייק פון קאַפּיטאַל". דער דאָזיקער לאָזונג איז געווען אַ טיף־ריכטיקער ניט בלויז אין דעם שמאָלן זין, וואָס דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל האָט אַבזיכטלעך געשאַפן דעם קריזיס און אים פאַרשטאַרקט אַזוי, ווי עס האָט נאָך קיין מאָל פריער ניט פּאַסירט, נאָר אויך אין דעם עכט־פונדאַמענטאַלן זין, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, און אין דער ערשטער ריי—מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם דאָזיקן קריזיס און פאַר יעדן קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, און באַזונדער פאַר די קאַטאַסטראָפישע ווירקונגען, וואָס די דאָזיקע קריזיסן האָבן אויף דער באַפעלקערונג. יעדער עקאָנאָמישער קריזיס איז דער רעזולטאַט פון די פּאָליסים פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, פאַר וועלכע די קאַפּיטאַליסטן דאַרפן געהאַלטן ווערן פאַראַנטוואָרטלעך. באַזונדערס איז דאָס ריכטיג אין דער עפּאָכע פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. היינט־צו־טאָג האָבן די דאָזיקע פּאָליסים דערפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דעם „זיץ־סטרייק פון קאַפּיטאַל". און די פּראָבלעם פון אַרויסקריכן פון דעם איצטיקן קריזיס איז פאַר דעם פאָלק, פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן, אין דער ערשטער ריי — אַ פּראָבלעם פון ברעכן אָט דעם „זיץ־סטרייק".

פּסעוודאָ־מאַרקסיסטן, ווי נאָרמאַן טאָמאַס, און פּראָפעסיאָנעלע שטערער, ווי לאָווסטאָן און די טראָצקיסטן, מאַכן יד־אחת מיט די אָפּענע פאַרטיידיקער פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, ווי וואָלטער ליפּמאַן, און נעמען אַראָפּ יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די קאַפּיטאַליסטן פאַר דעם עקאָנאָמישן קריזיס. אויך פיל לאַפאָלעט, גאַנץ מערקווירדיק, האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַפרייען די קאַפּיטאַליסטן פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם קריזיס אין זיין מעדיסאָן־רעדע. און די אַלע, וואָס פאַרנעמען די דאָזיקע פּאָזיציע, — צו זיי פּריידיקן אַ צוריקקער צו דער „נאָרמאַליטעט" פון אומגעצוימטער עקספּלואַטאַציע ווי דעם בעסטן אויסוועג, אַזוי ווי דאָס טוט וואָלטער ליפּמאַן; אָדער זיי דעקן צו די נאַקעטקייט פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, אַזוי ווי דאָס טוט לאַפאָלעט, דורך מיסטעריעזע אָנצוהערענישן וועגן עפּעס אַ „נייער" פּראָגראַם, וואָס דאַרף ערשט שפּעטער אַנטפּלעקט ווערן; אָדער זיי זאָגן, ווי נאָרמאַן טאָמאַס, אַז קיין זאַך וועט ניט העלפן אַ חוץ דער באַלדיקער איינפירונג פון סאָציאַליזם, — פּראָקלאַמירט יעדער איינער פון זיי און אַלע צוזאַמען דעם געדאַנק, אַז עס זיינען נוצלאָז אָדער שעדלעך אַלע מיטלען צו באַשיצן דאָס פאָלק פון די רעזולטאַטן פון דעם קריזיס און אַלע פּאַרזוכן צו צווינגען דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל צו באַצאָלן דעם ביל פאַר דעם קריזיס. זייער געמיינשאַפטלעכע פּאָזיציע איז — צוריקוויזן דעם פּראָגרעסיוון און דעמאָקראַטישן קאַמף פון דעם פאָלק אויסצומיידן די ליידן

פון דעם קריזיס און צווינגען די קאפיטאליסטן אויסצושטיין זייערע קאסטן.

וואס פירט דערצו, אז פאבריקן זאלן זיך שליסן? דערפאר וואס זיי פראדוצירן מער ווי זיי קאנען פארקויפן, באקומט זיך אן „איבער־פראדוקציע”. עס ווערט, פארשטייט זיך, ניט געשאפן מער רייכטום, ווי דאס פאלק דארף און קאן פארנוצן; פארקערט, דער לעבנס־סטאנדארד, וואס איז קיין מאל ניט העכער פון דעם עקזיסטענץ מינימום פאר די מאסן, איז אין די לעצטע צען יאר געפאלן, ניט געשטיגן. עס איז אבער פאראן אן איבערפראדוקציע אין דעם זין פון דער מאס סחורה וואס דער מארק קאן באנוצן, אין דעם זין פון דער מאס, וואס די קויפער קאנען קויפן און באצאלן דערפאר.

און ווער זיינען די קויפער, וואס שטעלן צוזאמען דעם מארק? מען קאן זיי באקוועם איינטיילן אין צוויי הויפט גרופן: ערשטנס, די פאלקס מאסן, וואס קויפן געברויך ארטיקלען, די פונדאמענטאלע לעבנס־מיט־לען — שפייז, קליידער, וואוינונגען און א געוויסע מאס באקוועמלעכ־קייטן פון מאדערנעם ציוויליזירטן לעבן; צווייטנס, די קאפיטאליסטן, וואס קופן סחורות פאר ווייטערדיקער פראדוקציע — מאשינעריע, בוי־מאטעריאלן, און רוי־שטאפן פאר אלערליי סחורות. וועלכע סאציאלע און רעגירונגס פאליסים, וואס זיינען אנגעווענדט צו סטימולירן ביידע גרעסערע טיילן פון דער נאציאנאלערווירטשאפט, וועלן ווערנטלעך אויפ־לעבן די ווירטשאפט? די ערשטע קאטעגאריע — געברויך סחורות — איז געפאלן, אבער פארהעלטנסמעסיק א סך ווייניגער ווי עס איז גע־פאלן די גאנצע ווירטשאפט; און עס איז קלאר, אז די דאזיגע גרופע קאן ניט פאלן קיין סך מער, סיידן עס זאל דערגיין צו מאסן־הונגער, ווייל די פאלקס מאסן לעבן שוין לויט א סטאנדארד, וואס איז נאענט צו דער מינימום־ליניע. קאטאסטראפיש געפאלן איז די צווייטע קאטע־גאריע, די פראדוציר־סחורות, די קאפיטאלע סחורות, און זייער קאטא־סטראפיש פאלן שלעפט מיט זיך ארונטער אויך די געברויך־סחורות. דא, אין דעם געביט פון קויפן פראדוציר־סחורות, אין דעם פעלד פון קאפיטאלע אינוועסטירונגען ליגט איינער פון די וויכטיקסטע שליסלען צו עקאנאמישער דערהאלונג.

אבער נייע קאפיטאלע אינוועסטירונגען מוזן אליין זיין אויסגערעכנט אויף ווייטערדיקער פראדוקציע, — אדער אויף פראדוקציע פון געברויך ארטיקלען אדער אויף פראדוקציע פון פראדוציר־מיטלען. מיר האבן שוין מער פארדוציר־מאשינעריע ווי דער מארק פאדערט. איידער עס קאן בארעכטיקט ווערן עקאנאמיש די ווייטערדיקע פראדוקציע פון פראדוציר־

מיטלען, מוזן מיר צוערשט אויעקשטעלן צו דער ארבעט די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס זיינען שוין פאַראַן און שטייען ליידיק; וואָס פאַר א זין האָט עס צו בויען נייע פאַבריקן, ווען די פאַראַנענע פאַבריקן שטייען ליידיק? די אויפלעבונג פון דער פּראָדוקציע איז, הייסט עס, אָפּהענגיק אָן א שטאַרקער פאַרגרעסערונג פון דעם געברויך.

האַלט די צאָל קאָנסומערס אין פאַלן? אָדער האַלט זייער אַפּעטיט צו סחורות אין פאַלן? פאַרשטייט זיך, אַז ניין. אונזער באַפעלקערונג האַלט אין איין וואַקסן און איר אַפּעטיט צו סחורות וואַקסט כסדר, אירע פאַרלאַנגען שטייגן. אָבער די פּייאַקייט פון די מאַסן צו פאָדערן די דאָזיגע סחורות אויף דעם מאַרק איז באַגרעניצט דורך זייער איינקונפט, און זייער איינקונפט איז געפאַלן און האַלט אין פאַלן. דער איינציקער וועג אויסצושפּרייטן דעם מאַרק איז צו פאַרגרעסערן די איינקונפט פון דער מאַסע באַפעלקערונג, וואָס פאַרברויכט אַרטיקלען, — פאַרגרעסערן די איינקונפט סיי אַבסאָלוט און סיי אין דער שייכות צו דער טאָטאַלער פּראָדוקציע פון דער גאַנצער ווירטשאַפט.

אָבער גראָד דאָס האָט דער מאָנאָפּאָליסטישער קאַפּיטאַל אַבזיכט־לעך ניט דערלאָזט און גראָד דורך דעם האָט ער אַבזיכטלעך פאַרשטאַרקט די באַדינגונגען פאַר דעם נייעם קריזיס. אנשטאָט צו דערלויבן א פאַר־גרעסערונג פון דער איינקונפט פאַר די הערעפּאַשנע מאַסן פון דער באַ־פעלקערונג, האָבן די קאַפּיטאַליסטן אַרונטערגעדריקט די דאָזיגע איינ־קונפט סיי אַבסאָלוט און סיי רעלאַטיוו. צו דער זעלביגער צייט איז די איינקונפט פון קאַפּיטאַל פאַרגרעסערט געוואָרן סיי אַבסאָלוט, סיי רע־לאַטיוו. עטלעכע ציפערן, גענומען פון אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וועלן דינען ווי א גענוגנדע אילוסטראַציע.

דער אינדעקס פאַר פאַבריק־„פּעיראָלס“ פון דעם יאָר 1929 איז געווען 106.4, אָבער אין 1937 נאָך דער גאַנצער דערהאָלונג אונטער דעם „נייעם דיל“, האָט דער אינדעקס באַטראָפן בלויז 93.2, דאָס הייסט א פאַרקלענערונג פון 12 פּראָצענט. אָבער דער אינדעקס פון קאָרפּאָ־רייטאָן־דיווידענדס, ווען מען זאָל אָננעמען די ציפער 100 פאַר דעם יאָר 1929, איז געשטיגן ביז 111.1 אָדער כמעט דער זעלביקער פּראָ־צענט פאַרגרעסערונג, ווי דער פּראָצענט פאַרקלענערונג פון די פאַבריק־„פּעיראָלס“. ווען די דאָזיקע 12 פּראָצענט וואָלטן אָנגעקומען צו די „פּעיראָלס“ אָנשטאָט די דיווידענדס, וואָלט די גאַנצע סומע אויסגעגעבן געוואָרן און מער פאַבריקן וואָלטן ווידער געאַרבעט; אין דער זעלביקער צייט וואָלטן די קאַפּיטאַליסטן נאָך אַלץ געווען אַזוי גוט אָפּ ווי אין דעם העכסטן פּראָספּעריטי יאָר. אָבער דערפאַר וואָס די סומע איז אַוועק

אויף דיווידענדס און די קאפּיטאַליסטן האָבן געוואָלט העכערע פּראָ־פּיטן, איידער זיי זיינען געווען גרייט ווידער צו אינוועסטירן זייערע קאַ־פּיטאַלן, זיינען די 12 פּראָצענט צוריקגעצויגן געוואָרן פון צירקולאַציע און די פאַבריקן זיינען געבליבן שטיין ליידיק. די אַרבעטער האָבן גע־קראָגן ווייניקער ווי פריער, די קאַפּיטאַליסטן מער ווי פריער סיי אַב־סאָלוט און סיי רעלאַטיוו, אין שייכות צו דער גאַנצער נאַציאָנאַלער איינ־קונפט. גראָד דאָס האָט געשאַפן די אוממיטלבאַרע פאַר־באַדינגונגען אין די געברויך אינדוסטריען פאַר דעם באַניטן עקאָנאָמישן קריזיס.

און גראָד אַזוי האָבן דאָס די קאַפּיטאַליסטן געפּלאַנט, דאָס איז גע־ווען זייער פּראָגראַם, זיי האָבן אָפן דערקלערט, אַז דאָס איז די באַדינ־גונג, וואָס זיי שטעלן, איידער זיי וועלן דערלויבן די אינדוסטריען בכלל צו אַרבעטן, — אַז ווייידזשעס דאַרפן פאַלן און דיווידענדס דאַרפן שטייגן. די ציפערן באַווייזן, אַז זיי האָבן געקראָגן דאָס, וואָס זיי האָבן פאַר־לאַנגט — און ווי אַ רעזולטאַט דערפון, האָבן מיר געקראָגן דעם עקאָ־נאָמישן קריזיס.

צו דער זעלביקער צייט, בעת די איינקונפט פון די אַרבעטער איז געפאַלן אויף 12 פּראָצענט, איז די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט געשטיגן אויף מער ווי 15 פּראָצענט. אַזוי אַרום האָבן די אַרבעטער בייגעטראָגן צו דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָספּעריטי־פּלאַן ניט קיין 12 פּראָצענט, נאָר 27 פּראָצענט מער ווי אין 1929. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט געווען גענוג פאַר די קאַפּיטאַליסטן. און וואָס מער די אַרבעטער טראָגן צו צום קאַפּיטאַליסטישן פּלאַן, אַלץ ערגער איז דער קריזיס, וואָס דער „פּלאַן" ברענגט.

פאַרטרעטער פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, די גרויסע צייטונגען, די „נעשאָנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס", הואָווער, גלעס, וואַנדענבערג און אַנדערע פּרואוון באַהאַלטן אָט־די איינפאַכע און קלאָרע פאַקטן און מאָלן פונקט אַ פאַרקערט בילד. זיי זאָגן, אַז אין 1937 האָט קאַפּיטאַל אויפגעהערט אַרבעטן ניט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט אַרויס אין סטרייק, נאָר דערפאַר וואָס העכערע ווייידזשעס, אַרויפגעצוואונ־גען אויף די קאַפּיטאַליסטן דורך דער סי. אַי. אָ., און העכערע שטייערן פון דער פעדעראַלער רעגירונג האָבן אוממעגלעך געמאַכט אָנצוהאַלטן די פּראָדוקציע מיט אַ פּראָפיט. זיי זאָגן, אַז מען דאַרף האָבן קלענערע ווייידזשעס (און דעריבער דאַרף מען, הייסט עס, צעשמעטערן די סי. אַי. אָ. יוניאָנס); אַז מען דאַרף האָבן קלענערע שטייערן (און דעריבער — גרעסערע שטייערן אויף די פאָלקס־מאַסן) איידער קאַפּיטאַל קאָן צוריק־גיין צו דער אַרבעט. זיי הויבן אויף אַ געשריי, אַז הויכע ווייידזשעס

און הויכע שטייערן האבן אזוי פאראַרימט די גרויס-קאפיטאליסטן, אז יענע זיינען נעבעך הילפלאז, סיידן מען וועט פאר זיי פארלייכטערן אט די שווערע לאסט. זיי זאגן, אז ווען די מאסע פון דער באפעלקערונג וועט קריגן ווייניקער און די קאפיטאליסטן וועלן קריגן מער, וועט דאס שאפן די נויטיקע באדינגונגען, אז פראספעריטי זאל צוריקקומען און די אינדוסטריען זאלן ווידער ארבעטן מיטן פולן גאנג. זיי זאגן אבער ליגן, ווען זיי גיבן אן אזוינע טענות, און היינט צו טאג ווייסן מערסטע מענטשן, אז די קאפיטאליסטן זאגן ליגן. דער קריזיס ווערט געשאפן ניט דורך דעם, וואס די קאפיטאליסטן האבן ניט געקראגן א גענוג-גרויסן חלק פון דער נאציאנאלער איינקונפט, נאר דערפאר ווייל זיי האבן געקראגן צו פיל, און אט די אנזאמלונג פון זייערע ניט-פארדינטע רייכטימער, וואס איז אנגעהורבעט געווארן ניט-גענוצטערהייט איבערן גאנצן לאנד, פאראורטיילט עס 130 מיליאן מענטשן צו הונגער אין א לאנד פון שפע.

ווען די גרויסע אינדוסטריאליסטן, באנקירן און מאנאפאליסטישע קאפיטאליסטן וואלטן אויסגעפירט, וואלט די דאזיגע לאגע געווארן נאך ערגער, אנשטאט צו ווערן בעסער. דער איינציגער מעגלעכער וועג צו פארבעסערן די לאגע איז דער היפוך דערפון, וואס די קאפיטאליסטן ווילן: צו פארקלענערן דעם חלק פון די קאפיטאליסטן אין דער נאציאנאלער איינקונפט און געבן א גרעסערן חלק די פאלקס-מאסן.

אזוי לאנג ווי מיר בלייבן אין די ראמען פון קאפיטאליזם, וועט עס אבער בלייבן אמת, אז בלויז די פארגרעסערונג פון דעם חלק פון די מאסן אין דער נאציאנאלער איינקונפט וועט ניט זיין גענוג צוריקצוברענגען די פראדוקציע, וואס דאס פאדערט מער דירעקטע סטימולירונג פאר דער קאפיטאלער אינוועסטירונג פון אנגעזאמעלטע פראפיטן — דער חלק פון מאנאפאליסטישן קאפיטאל, וואס קאן ניט אויף קיין אנדער אופן צוריקגעבראכט ווערן אין דער צירקולאציע. אין פריערדיגע אדער „נארמאלע“ קריזיסן איז די באזע פון דערהאלונג דערגרייכט געווארן הויפטזעכלעך דורך דער דעפלאציע פון „פארוואסערטן“ קאפיטאל, דורך באנקראטן און דורך אויסשפרייטן דאס פעלד פון מאנאפאליסטישן קאפיטאל, וואס האט ארויסגעשטופט א גרויסע צאל קלענערע קאפיטאליסטן און פארמיטלער. היינט צו טאג קאנען די דאזיגע עלעמענטן ווירקן זייער ווייניג; דער „פארוואסטערטער“ קאפיטאל איז אזוי „פיקסירט“, אז מען קאן פון אים ניט ארויסקוועטשן די וואסער אן א קאטאסטראפע פאר דער גאנצער קרעדיט-סטרוקטור, אזוי אז די רעגירונג גופא איז באשעפטיקט מיט אויפהאלטן דעם דאזיקן קאפיטאל דורך סוב־

סידעם; די מאָנאָפּאָליעם קאָנטראָלירן שוין אַזויפיל פון דער נאַציאָ־
נאַלער ווירטשאַפט, אַז קליינע באַנקראָטן האָבן בלויז אַ קנאַפּע ווירקונג
אויף דער גאַנצער סטרוקטור. אין 1933 האָט דער ערשטער „ניו דיל"
זיך באַזירט אינגאַנצן אויף אַ נייעם מעטאָד פון קאַפּיטאַל־דעפלאַציע,
נעמלעך — די אָנטווערטונג פון דעם דאָלאַר, אָבער די ווירקונג פון דעם
דאָזיקן שריט האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט, און אַזאַ שריט קאָן ווי־
דערהאָלט ווערן בלויז דורך דער ריזיקע פון אַן אינפלאַציע, וואָס לאָזט
זיך ניט קאָנטראָלירן. אויסלענדישע אינוועסטירונגען זיינען אויסגע־
שלאָסן דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַאָס. עס בלייבן דעריבער בלויז
צוויי וועגן, דורך וועלכע קאַפּיטאַלע אינוועסטירונגען קאָנען אין אַ גרוי־
סער מאָס סטימולירט ווערן היינט־צו־טאָג: דורך דער רעגירונג גופא,
וואָס זאָל אונטערנעמען גרויסע בוי־פּראָיעקטן און געזעלשאַפטלעכע אַר־
בעטן, וואוינונגען און אַז. וו., און מעגלעך, דורך גרויסע רעגירונגס־
הלואות צו כינע, צום ביישפּיל, וועלכע זאָלן אויסגעגעבן ווערן אין
אַמעריקע אויף אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. אָבער אין אַלע פאַלן זיינען
פּריוואַטע אינדיווידועלע אינוועסטמענטס אומפּייאיק צוריקצוברענגען די
טעטיגקייט פון די גרונט־אינדוסטריען, די פּראָדוקציע פון פּראָדוצער־
מיטלען. דערצו פאָדערט זיך די אַריינמישונג פון דער רעגירונג אויף
אַ גרויסן מאַסשטאַב.

אַזויפיל — וועגן דער פונדאַמענטאַלער פּראָבלעם, וואָס איז פאַר־
וויקלט אין דעם ערשטן פאַרזוך צו געפינען אַ דעמאָקראַטישע פּראָגראַם
אויף צו לייזן דעם קריזיס. די איינפאַכסטע אונטערזוכונג ווייזט, אַז
דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס, און אין דער ערשטער ריי די מאָנאָפּאָ־
ליסטישע קאַפּיטאַליסטן, באַהערשן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן, זיי־
נען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קריזיס און פאַר אַלע זיינע שלעכטע
ווירקונגען אויף דער באַפעלקערונג. די קאַפּיטאַליסטן האָבן עס אַזוי
געפּלאַנט. דאָס איז געווען אַ דירעקטער און אַן אומפאַרמיידלעכער רע־
זולטאַט פון זייער עפנטלעך דערקלערטער פּראָגראַם.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַ פּלאַן, אָבער ניט קיין געפּלאַנטע ווירט־
שאַפט. זייער פּלאַנירן באַשטייט אין שניידן איינער דעם צווייטנס
גאָרגל, אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, אַנאַרכיע אין דער נאַציאָנאַלער
ווירטשאַפט און — עקספּלואַטירן דאָס פאָלק. זייערע פּלענער זיינען
אומפּייאיק צוריקצוברענגען עקאָנאָמישע טעטיגקייט אין אַ פונדאַמענ־
טאַלן זין, זיי זיינען אָבער פּייאיק צו טאָן זייער אַ סך שאָדן.

עס איז אָבער אמת אין אַ מער דירעקטן און אוממיטלבאַרן זין, אַז
קאַפּיטאַל איז אַרויס אויף אַ זיץ־סטרייק. עס ווערן אַרויסגעבראַכט אַלע

מער באוויזן — דירעקט פון דעם מויל פון די קאפיטאליסטן גופא און פון עקאנאמישער סטאטיסטיק, אז דער קריזיס וואלט ניט געווען אויס־געבראכן אין 1937 און וואלט ניט פארטיפט געווארן אזוי אין אזא קורצער צייט, ווען ניט די אויסגערעכנטע און געפלאנטע אקציע פון אנטשיידנדיקע טיילן פון פינאנץ קאפיטאל, — אן אקציע, וואס איז מא־טיווירט געווארן דורך פאליטישע און ניט דורך ריין עקאנאמישע חשבונות. דאס ווערט סומירט אין דעם לאזונג פון מאנאפאליסטישן קאפיטאל, אז די נויטיקסטע זאך איצט איז א „צוריקקער פון צוטרוי". זיי האבן דערקלערט זייער אומצוטרוי צו דער רוזוועלט אדמיניסטרא־ציע, וועלכע ווארפט אפ זייער אומיטלבארע און דירעקטע באהערשונג פון אלע דעטאלן פון מלוכה'שער פאליסי. זיי האבן דערקלערט, אז זיי וועלן ניט האבן קיין צוטרוי צו קיין זאך, א חוץ א נאציאנאלן רעזשים, וואס זאל זיין דירעקט און פולשטענדיק אונטער זייער הערשאפט, און אז זיי וועלן ניט צוריקגיין צו דער ארבעט ביז זיי וועלן ניט קריגן דאס וואס זיי פאדערן. דער דאזיקער לאזונג פון „אומצוטרוי" צו רוזוועלט'ן (און מער ווי אלץ — צו דער שטייגנדער מאסן באוועגונג פאר דעמאקרא־טיע אין לאנד) איז א פאליטישער לאזונג. זיין עקאנאמישער רעזול־טאט, דער זיץ־סטרייק פון קאפיטאל, איז א פאליטישער סטרייק. דער וואס וויל קוקן די פאקטן אין פנים אריין און וואס האט ניט דעם ווונטש צו באהאלטן די פאקטן אין די אינטערעסן פון מאנאפאליסטישן קאפי־טאל, קאן ניט ציען קיין אנדער שלוס.

## דער קריזיס אין 1929 און אין 1938

פאר די ארבעטער, פארמער און שטאטישע מיטלקלאסן פון אמע־ריקע שטייען שווערע פראבלעמען פון א שארפן קריזיס. כאטש דער עקאנאמישער אינדעקס איז ניט געפאלן צו דעם נידעריקן פונקט פון אנהויב 1933, דערגרייכט שוין די ארבעטלאזיקייט צום פריערדיקן העכסטן פונקט מחמת דער שנעלער פארגרעסערונג אין דער פראדוקטי־וויטעט פון ארבעט, ספעציעל אין די לעצטע עטלעכע יאר.

ווען מען פארגלייכט די לאגע אין די ערגסטע יארן פון דעם לעצטן קריזיס פון 1929 ביז 1932, מיט דעם נייעם קריזיס פון 1937-1938, איז נויטיק צו פארצייכענען אייניקע וויכטיקע ענדערונגען אין די כחות־פארהעלטענישן, ענדערונגען וואס מאכן מעגלעך א גאנץ אנדערן און א מער גינסטיקן אויסגאנג פון דער איצטיקער סיטואציע.

אין דער פעריאדע פון 1929-1932 זיינען די טרעיד יוניאנס גע־ווען אין א צושטאנד פון סטאגנאציע און האבן געהאלטן אין צוריק־

טרעטן, בעת די גרונט־אינדוסטריען און די אינדוסטריען פון מאסן־פראָדוקציע זיינען געווען אין דער גרעסטער מאָס ניט אָרגאַניזירט. אין 1938 האָבן די טרעיד יוניאָנס מער ווי פארטאָפּלט זייער מיטגלידער־שאפט, האָבן דורכגעבראָכן די אַנטי־יוניאָן באַריקאַדן פון מאָנאָפּאָ־ליסטישן קאַפּיטאַל און זיינען אָנגעפילט מיט אַ קעמפערישן גייסט, מיט אַ באַוואוסטזיין פון מאַכט.

אין 1929 האָט די אַרבעטער־באַוועגונג ניט געהאַט דעם באַוואוסט־זיין וועגן דער באַדערפעניש און מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די אַרבעט־לאָזע און זאָרגן פאַר זייערע באַדערפענישן. אין 1938 האָבן די אַר־בעטלאָזע אַן אייגענע וויכטיקע אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג, די וואָר־קערס אַלאַיענס, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט די וויכטיקסטע טרעיד יו־ניאָנס, וועלכע זיינען שאַרף באַוואוסטזיניק בנוגע די באַדערפענישן פון די אַרבעטלאָזע און לערנען ווי אַזוי צו זאָרגן פאַר זיי.

אין 1929־1932 איז דער אַרבעטער־קלאַס געווען באַהערשט פון אַ פירערשאַפט, וואָס האָט באַטראַכט דעם קאַטאַסטראָפישן צוזאַמענ־ברוך פון לעבנס סטאַנדאַרדס ווי אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך אין די באַדינ־גונגען פון אַ קריזיס; אין 1938 איז דער אַרבעטער־קלאַס באַוואוסטזי־ניק וועגן דער מאַכט אָפּצושטעלן דעם צוזאַמענברוך פון זיינע לעבנס־סטאַנדאַרדס און איז אַנטשלאָסן דאָס צו טאָן.

אין 1929־1932 איז די פעדעראַלע רעגירונג און מערסטע סטעיט און לאָקאַלע רעגירונגען געווען דורכאויס אין די הענט פון מאָנאָפּאָ־ליסטישן קאַפּיטאַל און האָבן דורכגעפירט זיין פּאָליטיק פון אַרויפ־וואַרפן די לאַסט פון דעם קריזיס פולשטענדיק אויף די פּלייצעס פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. אין 1938 איז די פעדעראַלע רעגירונג און אַלץ אַ גרעסערע צאָל סטעיט און לאָקאַלע רעגירונגען די אַרענע פון קאַמף געגן דער פולשטענדיקער באַהערשונג מצד מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, און די רעגירונגען האָבן אויף זיך גענומען די פאַרפּליכטונג צו גאַראַנטירן, אַז קיינער זאָל ניט הונגערן, האָבן איינגעפירט דעם פּרינציפּ פון אַר־בעטלאָזיקייט און עלטער זיכערונג, האָבן גאַראַנטירט די רעכט פון די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין טרעיד יוניאָנס און איינגעפירט דעם פּרינציפּ פון רעגירונגס הילף פאַר דער יוגנט אין פרט פון באַשעפטי־קונג און בילדונג.

אין 1929־1932 האָבן די האָרעפּאַשנע מאַסן כמעט אינגאַנצן ניט געהאַט קיין פּאָליטישע פאַרטרעטערשאַפט אָדער זעלבסטשטענדיקע פּאָ־ליטישע אָרגאַניזאַציע. אין 1938 האָבן די האָרעפּאַשנע מאַסן, אין זיי־ער גרויסער מערהייט, זיך אָפּגעריסן פון דער פּאָליטישער פירערשאַפט

פון מאנאפאליסטישן קאפיטאל, האבן געבראכט צום שטאנד א פונדאמענטאלע פאליטישע איבערגרופירונג, מיט דעם מאנאפאליסטישן קאפיטאל, זיינע אגענטן און די קרבנות פון זיינע איינרעדענישן אף איין זייט און מיט די פאלקס־מאסן אויף דער אנדערער; און די פאלקס מאסן בויען שוין שנעל זייערע זעלבסטשטענדיקע ארגאניזאציעס און באוועגן זיך אין דער ריכטונג פון א פאראייניקטן דעמאקראטישן פראנט.

אין 1932־1929 איז די הערשנדע פאליטישע טענדענץ פון לאנד געווען פארקערפערט אין דער געשטאלט פון הערבערט הואווער. אין 1938 איז די הערשענדע טענדענץ סימבאליזירט דורך דער פיגור פון פרענקלין ד. רוזוועלט.

די אלע ענדערונגען שטעלן מיט זיך פאר א קער אין די כחות־פארהעלטעניש, וואס איז גינסטיק פאר די ארבעטער, פארמער און שטאטישע מיטלקלאסן קעגן זייערע עקספלואטאטארס.

פון דער צווייטער זייט מוז פארצייכנט ווערן דער אומצווייפלהאפטער פאקט, אז דער מאנאפאליסטישער קאפיטאל האט פארשטארקט זיין קאנטראל איבער דער ווירטשאפט פון לאנד, האט אויסגעשפרייט זיין טעריטאריע דורך ארויסשטופן דעם גרעסטן טייל פון די געבליבענע „קליינע מענטשן“, האט פארגרעסערט זיין חלק פון דער נאציאנאלער איינקונפט און באוועגט זיך שנעל אין דער ריכטונג פון א קאנצענטראציע פון אלע זיינע פאליטישע כחות מיט דער אנטשלאסנהייט צוריקצוגעווינען פולשטענדיקע און דירעקטע רעגירונגס מאכט אום יעדן פרייז, אזוי ווי אונטער הואווער׳ן, אפילו ווען עס זאל דורך דעם פארניכטעט ווערן אונזער טראדיציאנעלע דעמאקראטישע סיסטעם. אין דער זעלבער צייט איז דער דעמאקראטישער פראנט נאך ניט פולשטענדיק פאראייניקט און סטאביליזירט געווארן, זיין אייניקייט ווערט באדראעט פון א סך זייטן און די זעלבסטשטענדיקע פאליטישע ארגאניזאציע פון די ארבעטער און זייערע פארבינדעטע איז בלויז אין איר ערשטער שטופע.

אין סך־הכל באקומט זיך א העכערע שטופע פון קאמף, אין וועלכן די קאמף ליניעס וועלן זיין מער פאנאנדערגעווארפן און די רעזולטאטן פון די קאמפן וועלן זיין מער אנטשיידיענדיק פאר דער גאנצער צוקונפט פון אונזער לאנד און פון דער וועלט. די הארעפאשנע מאסן האבן געוואונען וויכטיקע פאזיציעס און האבן פאראויסגעפירט זייערע ליניעס, זיי האלטן אין זייערע הענט וויכטיקע הייבערס פון מאכט. דער שונא מאביליזירט אבער אלע זיינע רעזערוון, און מער פאראייניקט און איז אנגעפילט מיט א פארצווייפלטער אנטשלאסנהייט צו צעשמעטערן און

צעטרייבן דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, איידער יענער האָט באַגריפן און באַנוצט זיין ריזיקע פּאָטענציעלע מאַכט.

דער פאַקט גופא וואָס די דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונג פון פאָלק האָט געמאַכט פאָרטשריט אפן חשבון פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, מאַכט שאַרפער די געפאַר, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער רעאַק־ציאָנערער לאַגער מיט זיינע ריזיקע רעזערוון, וועלכער באַוועגט זיך אין דער ריכטונג פון פאַשיזם.

די געפאַר פון פאַשיזם, וואָס רוקט זיך אָן פון יענער זייט אַמערי־קאַנער גרעניצן, שטייט־אויף מיט גרויסער שאַרפקייט אויך אינעווייניק אין אונזער לאַנד.

אָט דערפאַר שטעלט אוועק די רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעבראַכט פאַר דער דאָזיקער קאָנווענשאָן, אין סאַמע צענטער דאָס פאָלגענדע:

„די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס און ממילא אין דער ערשטער ריי — פאַר די קאָמוניסטן, איז צו באַזיגן די אָפּענסיווע פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און פאַרבלאָ־קירן דעם וועג פאַרן פאַשיזם אין די באַדינגונגען פון דעם זיך־אַנטוויקלענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס. כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, איז נויטיק צו פאַראייניקן און קאָנסאָלידירן אַלע אַרבעטער און פּראָגרעסיווע כחות אין איין דעמאָקראַטישן פראָנט. דאָס פאָדערט, אַז עס זאָלן פאַרשטאַרקט ווערן אַלע עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער, עס זאָל געבויט ווערן די סי. אַי. אָ., עס זאָל אָרגאַניזירט ווערן געמיינ־שאַפטלעכע אַקציע צווישן די יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. און דער סי. אַי. אָ., אַזוי גוט ווי די אייזנבאַן בראָדערהודס, ספּע־ציעל אין די קומענדיקע וואַלן, וואָס זאָל פירן צו פולשטענדי־קער טרעיד־יוניאָן אייניקייט; אַז די אַרבעטער זאָלן נעמען די איניציאַטיווע אין צונויפזאַמלען די פאַרמער, די מיטלקלאַסן און אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין דעם אַלגעמיינעם דעמאָ־קראַטישן פראָנט, און אַז עס זאָלן באַזיגט ווערן אַלע פאַרזוכן צו צעשפּאַלטן דעם דאָזיקן פראָנט דורך רעאַקציאָנערע רע־פּובליקאַנער, וואָס אָפּערירן הינטער אַ פּראָגרעסיוון צודעק“.

## די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט

די דעמאָקראַטישע מאַסן באַוועגונג וואָס הויבט זיך אויף אין אַמע־ריקע, מוז ניט בלויז זיין אָרגאַניזירט, נאָר זי מוז אויך וויסן גאַנץ באַ־שטימט וואוהין זי גייט. זי מוז האָבן אַ פּראָגראַם. אַ מאַסן באַווע־גונג אָן אַ פּראָגראַם וואָלט זייער שנעל צעטיילט און צעשמעטערט גע־

ווערן דורך די כחות פון רעאקציע, וואס באנוצן זיך מיט דעמאגאגיע, טעראר, און „רעד בעיטינג“, און וואלט געבראכט געווארן אונטער דעם קאנטראל פון די פאשיסטישע עלעמענטן. די פראגראם פון דעם דעמאקראטישן פראנט איז לעבנס־וויכטיק.

אזא פראגראם, וואס דער דעמאקראטישער פראנט באדארף האבן, קאן ניט זיין בלויז א צופעליגע צונויפזאמלונג פון די פאדערונגען פון די באזונדערע גרופן, נאר זי מוז אויסגעהאמערט ווערן ווי אן אויסגעהאלטענע סומע פאדערונגען, וועלכע זאלן זיין צוגעפאסט איינע צו דער אנדערער און זאלן אנטשפרעכן דער נאציאנאלער לאגע ווי א גאנצע. צו דער זעלביקער צייט מוז די פראגראם זיין באזירט אויף די טיף־געפילטע באדערפענישן און פאדערונגען פון די פארשידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג, — די ארבעטער, פארמער און שטאטישע מיטלקלאסן.

די פראגראם מוז זיין אזא, וואס די מערהייט פון פאלק פארשטייט זי שוין און שטיצט זי, זי מוז זיין פייאיק צו מאביליזירן די מערהייט פון פאלק שוין א י צ ט. דאס הייסט, אז זי קאן ניט זיין די פונדאמענטאלע פראגראם פון דער סאציאליסטישער רעארגאניזאציע פון דער אמעריקאנער געזעלשאפט, פאר וועלכער עס איז נאך דערוויל ניט געוואונען געווארן אפילו קיין באדייטנדע מינדערהייט פון די מאסן, שוין אפגערעדט פון דער מערהייט. די סאציאליסטישע רעארגאניזאציע פון אונזער לאנד איז נאך ניט אויף דער טאג־ארדענונג ווי א פראקטישע פאליטישע פראבלעם פאר דער מערהייט פון פאלק. וואס עס פאדערט זיך דעריבער איז א סיסטעמאטישע ריי מיטלען פון א פראגרעסיוון און דעמאקראטישן כאראקטער, וואס קאנען פארמולירט ווערן אין די ראמען פון דער איצטיקער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

עטלעכע פונקטן פון אזא פראגראם האבן געפונען אויסדרוק אין די רעדעס פון פרעזידענט רוזוועלט און א צאל זיינע פארמולירט געווארן מער אדער ווייניקער ווי געהעריק אין געזעצן, וואס דער קאנגרעס האט אנגענומען אדער האלט אין באטראכטן; כאטש עס מוז באטאנט ווערן, אז רוזוועלט'ס אדמיניסטראציע איז ווייט פון רעאליזירן אן אויסגעהאלטענע פראגראם און אז זי איז אפילו וואקלדיק און פעלערהאפט איבער א סך פונקטן פון אירע דעקלאראציעס. די פלאטפארם פון געזעצגעבונג, וואס די סי. אי. א. האט אנגענומען, און וואס ווערט גוטגעהייסן אינגאנצן אדער טיילווייז דורך דעם גרעסטן טייל פון דער א. פ. או ל., פאלט צוזאמען און פאסט זיך אריין אין דעם באגריף פון אזא אויסגעהאלטענער פראגראם, ווי די, וואס מיר זוכן. די פלאטפארמען פון די פארשיידענע זעלבסטשטענדיקע פאליטישע ארגאניזאציעס פון דער ברייט־

טער דעמאָקראַטישער באַוועגונג גיבן אונז נאָך מאַטעריאַל פֿאַר אַזאַ פֿאַראייניגנדער פּראָגראַם פֿאַר דעם גאַנצן דעמאָקראַטישן פֿראָנט.

אין דער רעזאָלוציע, וואָס איז פֿאָרגעבראַכט פֿאַר דער דאָזיקער קאָנווענשאָן, האָבן מיר געפּרואווט צוזאַמענברענגען אַלע וועזנטלעכע שטריכן פֿון אָט די פֿאַרשיידענע אויסדרוקן פֿון דער דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג אין אַ סיסטעמאַטישער סקעלעט־פּראָגראַם, וואָס זאָל זיין פּויאיק שוין איצט צו פֿאַרזאַמלען אַרום זיך די מערהייט פֿון פֿאָלק. מיר האָבן צונויפֿגעזאַמלט די הויפּט־פֿאָדערונגען, פֿון וועלכע אַזאַ פּראָגראַם זאָלט באַדאַרפֿט באַשטיין, אונטער פֿיר הויפּט רובריקן, וואָס איך וויל דאָ אין קורצן דיסקוטירן.

אונטער דער ערשטער רובריק געפֿינען זיך די פֿאָדערונגען אויף צו באַשיצן און פֿאַרבעסערן די ווידזשעס, שטונדן און די אַרבעט־באַדינגונגען פֿון די אינדוסטריעלע אַרבעטער און אַלע לוין אַרבעטער. דאָס איז דער נויטיגער אויסגאַנג־פּונקט פֿאַר יעדער אויסגעהאַלטענער פּראָגרעסיווער און דעמאָקראַטישער פּראָגראַם. אין די וועזנטלעכע שטריכן איז דאָס שוין עטאַבלירט ווי אַ נאַציאָנאַלע פּאָליסי, וואָס האָט די שטיצע פֿון דער גרויסער מערהייט, כאָטש די פֿאַרווירקלעכונג דערפֿון האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. דערצו פֿאָדערט זיך די זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פֿון די אַרבעטער אין טרעיד־יוניאָנס פֿון זייער אייגענעם אויסוואַל, וואָס דאָס רעכט דערויף מוז אויף אַ מער ווירקזאַמען אופֿן באַשיצט ווערן דורך געזעץ. די נעשאָנאַל לעיבאָר רילעישאָנס באָארד מוז געשטיצט און פֿאַרשטאַרקט ווערן און איר מאַכט דאַרף קלאָר פֿעסטגעשטעלט ווערן, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז זי זאָל באַשניטן ווערן דורך רעאַקציאָנערע ריכטער און געריכטן. די פּרינציפּן פֿון דעם ווידזשעס־און־שטונדן ביל, וואָס געפֿינט זיך איצט פֿאַרן קאָנגרעס און האָט די שטיצע פֿון דער גאַנצער אַרבעטער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג, מוז פֿאַרוואַנדלט ווערן אין געזעץ און דער „פֿלאָר אונטער ווידזשעס" מוז סיסטעמאַטיש אויפֿגעהויבן ווערן העכער, בעת דער „דאַך איבער אַרבעט־שעה'ן" מוז סיסטעמאַטיש אַראָפּגעלאָזט ווערן נידעריקער אין איינקלאַנג מיט דער שטייגענדיקער פּראָדוקטיווקייט און דער נויטיקייט צוריקצוקערן די אַרבעטלאָזע צו דער אַרבעט. אַזעלכע מיטלען האָבן שוין די שטיצע, אין זייער ריכטונג און הויפּט־שטריכן, פֿון דער מערהייט אַמעריקאַנער.

אונטער דער צווייטער רובריק זיינען אָנגעגעבן פֿאָדערונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט אויסנוצן דאָס גרויסע אָנגעזאַמעלטע רייכטום פֿון

לאַנד, וואָס איז איצט אומבאַשעפטיגט, כדי צו שאַפן ארבעט אָדער רע־ליף פאַר די ארבעטלאָזע, צו פאַרבעסערן און אויסברייטערן די געזעצן וועגן סאָציאַלער זיכערונג, פאַרם־רעליף און די אנטוויקלונג פון סאָ־ציאַלע פאַרבעסערונגען, ווי אָפּראַמען די סלאַמס, באַשיצן די היים־אייגנטימער, בויען שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער, סקולס, האָספּיטאַלס, קאָמיוניטי צענטערס, געזעלשאַפטלעכע בויאונגען, פּאַרקס, וואוינונגען מיט נידעריגער רענט, אנשטאַלטן פאַר געזעלשאַפטלעכער געזונט־באַ־דינונג, א. אז. וו. דער פאַרנעם און מאַסשטאַב פון אזא פּראָגראַם פון „געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבן" דאַרף באַשרענקט ווערן בלויז דורך דער צאָל אומבאַשעפטיגטע הענט, וואָס נויטיגן זיך אין ארבעט און פון דער מאָס אומבאַשעפטיגטן רייכטום, וואָס דערשטיקט איצט אונזער עקאָנאָ־מיש לעבן און וואָס מוז געבראַכט ווערן אין צירקולאַציע, כדי צו שאַפן מער רייכטום פאַר דעם פאָלק. אַזוינע מיטלען, באַטראַכט אין דעם זין פון אויסנוצן אַלע אומבאַשעפטיגטע רעסורסן פון לאַנד, מוזן אויך אנטהאַלטן א פינאַנציעלע פּראָגראַם, וואָס זאָל ווירקלעך אויפזוכן דאָס אומבאַשעפטיגטע רייכטום; עס פאָדערט זיך די פולע אַנווענדונג פון דעם פּרינציפּ פון באַשטייערונג באַזירט אויף דער פעיאיגקייט צו צאָלן, וואָס דאָס מיינט, אז שטייערן דאַרפן אַראָפּגענומען ווערן פון די מאַסן קאָנסומערס און אַרויפגעלייגט ווערן אויף קאַפּיטאַל און איינקונפט, ספּע־ציעל אויף אומבאַשעפטיקטן קאַפּיטאַל און איינקונפט אין די העכערע ציפערן. שוין האָבן אַזוינע מיטלען, אין זייערע הויפּט־שטריכן און ריכטונג, די שטיצע פון דער גרויסער מערהייט אמעריקאַנער.

אונטער דער דריטער רובריק געפינען זיך מיטלען און פאָדערונגען צו פאַרטיידיגן און אויסצושפּרייטן די דעמאָקראַטישע רעכט פון דעם פאָלק, צו מאַכן זיי מער ווירקזאַם, צו אנטוויקלען די דעמאָקראַטיע ווייַ־טער דורך אנטוויקלען די נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג און די קרעפטיקונג פון דער מאַכט פון א נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטישער רעגירונג, און צוריק צו ברענגען פאַר דער דעמאָקראַטיע אן עקאָנאָמישן פונדאַמענט דורך באַ־שרענקען די מאַכט פון גרויס־קאַפּיטאַל אין דער רעגירונג און אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד, דורך אויסברייטערן דעם דעמאָקראַטישן קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט. אַזוינע מיטלען וואָלטן געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן דורך צוימען די אויטאָקראַטישע מאַכט פון דעם סופרים קאָורט און די ריכטערלעכע אינסטיטוציעס בכלל; דורך געזעצגעבונג צו קאָנ־טראָלירן די טראָסטס און מאָנאָפּאָליעס; דורך א קאָנטראָל איבער דער סטאָק־בירזשע; דורך נאַציאָנאַליזירן די באַנקען, אייזנבאַנען און גע־וועער־אינדוסטריע; דורך א מאָראַטאָריום אויף די חובות פון פאַר־מער און קליינע אייגנטימער, וואָס זיינען אין געפאַר עקספּראָפּריאירט

צו ווערן, ביז עס וועלן געפונען ווערן אַנדערע מיטלען זיי צו העלפן; דורך פּרייז־רעגולירונג אונטער דעמאָקראַטישן קאָנטראָל; דורך געזעלשאַפטלעכע באַקוועמלעכקייטן פאַר קאָאָפּעראַטיווע קויף־און־פאַרקויף אָפּעראַציעס; דורך פאַרבעסערן און דעמאָקראַטיזירן די געזעצן בנוגע אַגריקולטור, פאַרמעריי און קאָנסערוואַציע פון באָדן, א. אז. וו. אונטער דער דאָזיגער רובריק קומט אויך דער אַנטי־לינטשינג ביל, די אָפּשאַפונג פון שטימרעכט־שטייערן און אַנדערע פאָרמען פון באַשרענקען און אַוועקנעמען שטימרעכט, און די איינפירונג פון נאַציאָנאַלע סטאַנדאַרדס פון וואַלן און אָפּשטימונג. אַזעלכע פאָדערונגען האָבן שוין, אין זייערע הויפּט־שטריכן און ריכטונג, די שטיצע פון דער גרויסער מערהייט אַמעריקאַנער.

אונטער דער פערטער רובריק זיינען מיטלען און פאָדערונגען, דורך וועלכע אַמעריקע זאָל נעמען אויף זיך איר טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר וועלט־פירערשאַפט אויף דעם געביט פון אָרגאַניזירן דעם וועלט־פרידן. דורך אויסנוצן אונזער איצטיגע פריווילעגירטע פּאָזיציע פון ניט זיין אויסגעשטעלט צו קיין געפאַר פון אַ באַלדיגער אַטאַקע, דורך פאַרבלאָקירן דעם וועג פאַרן פאַשזם אין אונזער אייגן לאַנד מיט דער הילף פון די מיטלען, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אונטער די ערשטע דריי רובריקן, דורך אַריינוואַרפן אויף דער וואָג־שאָל פון וועלט־פראַגן די אומפאַרגלייכלעכע עקאָנאָמישע רעסורסן פון אונזער לאַנד, וואָס באַטרעפן אומגעפער אַזוי פיל, ווי די רעסורסן פון אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט צוזאַמענגענומען, — דורך אַזוינע מיטלען קאָן אונזער לאַנד באַרעכטיגן זיין שטאָלצע פּרעטענזיע אויף פירערשאַפט אין אַלוועלטלעכן פאָרטשריט, קאָן צום בעסטן באַשיצן זיין אייגענע דעמאָקראַטיע און קאָן פאַרמיידן די דראָענדיגע אַלוועלטלעכע קאַטאַסטראָפע. די ערשטע שריט אין אַזאַ פּאָזיטיווער פרידן־פּראָגראַם, וועלכע זיינען גענוג אויף צו פאַרבעסערן אַנטשיידענדיג די גאַנצע געפערלעכע וועלט־לאַגע, זיינען גוט אויסגעדריקט אין דעם אָ'קאָנעל פרידנס־אַקט, וואָס געפינט זיך איצט פאַרן קאָנגרעס. דער אַקט פאָדערט, גאַנץ איינפאַך, די קרעפטיקונג און קאָנקרעטיזירונג פון דעם קעלאָג פרידנס־פּאַקט, וואָס אַלע רעגירונגען פון דער וועלט האָבן פייערלעך זיך פאַרפליכטעט אים אָפּצוהיטן, דורך פאַרבאָטן די איבערטרעטער פון דעם פּאַקט יעדן צוטריט צו די עקאָנאָמישע רעסורסן פון אַמעריקע און צו האַלטן אין דער זעלביגער צייט אָפן די אַמעריקאַנער מערק פאַר אַלע מלוכות, וואָס קומען נאָך זייערע פאַרפליכטונגען אונטער דעם קעלאָג פּאַקט. אַזאַ פּאָליסי האָט געקראָגן אַ היסטאָרישן אויסדרוק אין דער באַרימטער רעדע, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט געהאַלטן אין שיקאַגאָ דעם 5טן אָק־

טאָבער פון לעצטן יאָר, אין וועלכער ער האָט געפאָדערט אַ „קאַראַנטין געגן די מלחמה־מאַכענדיגע רעגירונגען", וואָס שטעלן אין געפאַר דעם פרידן פון דער גאַנצער וועלט; כאָטש די פּראַקטישע פּאָליטיק, וואָס וואַשינגטאָן פאַרפאָלגט, גייט נאָך אַלץ אויף דער באַנקראָטירטער און דיסקרעדיטירטער ליניע פון איזאָלאַציע און פון אַ פאַלשער נייטראַלי־טעט. עס זיינען פאַראַן אַ סך סימנים, אַז אַזאַ פּאָזיטיווע פרידנס־פּאָליסי האַלט אין געווינען די שטיצע פון אַ גרויסער מערהייט אַמעריקאַנער; צווישן אַט־די סמנים איז די אויספאָרשונג פון דעם גאַלופּ־אינסטיטוט וועגן דער שטעלונג פון דער עפנטלעכער מיינונג צו יאַפּאַנ'ס איבער־פאַל אויף כינע, וואָס ווייזט, אַז די מערהייט פון דער אַמעריקאַנער באַ־פעלקערונג איז אויף דער זייט פון כינע און אַז 75 פּראָצענט שטיצן די לאָיאַליסטן אין שפּאַניע; די ברייטע אויסשפּרייטונג פון דער באָיקאָט־באַוועגונג געגן יאַפּאַנעזער סחורות, די ריזיגע כוואַליע פון דער מאַסן־פאָדערונג אַראָפּצונעמען די עמבאַרגאָ פון לאָיאַליסטישער שפּאַניע, די אויספאָרשונג פון דער „נעישאָן", די סטעיטמענטס און רעזאָלוציעס פון די א. פ. אָוו ל. פירער און די יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ., רעזאָלו־ציעס פון דער מערהייט קירך־אָרגאַניזאַציעס, מיט דער אויסנאַם פון דער קאַטוילישער קירך, א. אז. וו. אין דעם משך פון לעצטן יאָר איז פאָרגעקומען אַ ריזיגער שוואונג־אַוועק פון די אַלטע איזאָלאַציע־שטימונ־גען צווישן די מאַסן; צווישן דער מערהייט פון פאָלק ווערט איצט דייט־לעך דער באַגריף, אַז דער איינציקער זיכערער וועג צו באַשיצן אַמע־ריקע פון מלחמה איז דורך אַרויסווייזן אַמעריקאַנער פירערשאַפט אויף דעם געביט פון אָרגאַניזירן דעם וועלט־פרידן. אַזאַ פרידנס־פּראָגראַם איז אַ נויטיגער און אומפאַרמיידלעכער אויספיר פון דער אַלגעמיינער פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

אַזאַ באַלאַנסירטע פּראָגראַם אַנטהאַלט אַלע עלעמענטן, וואָס זיי־נען באַלד נויטיג אויף צו באַגעגענען די פּראָבלעמען פון פאָלק, דורך אָנהאַלטן און פאַרבעסערן די לעבנס־סטאַנדאַרדס פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג, דורך פאַרטיידיגן און אויסברייטערן זייערע דעמאָקראַטישע רעכט, דורך פאַרטיידיגן און אָרגאַניזירן דעם וועלט־פרידן. עס איז פאַראַן אַ וועזנטלעכע האַרמאָניע צווישן די אַלע טיילן פון דער פּראָ־גראַם, וואָס ווידערשפּרעכן ניט און באַזיגן ניט איינער דעם צווייטן, נאָר פאַרקערט — יעדער טייל ווערט מער פּראַקטיש און פּרוכטבאַר, ווען ער ווערט דערגאַנצט דורך די אַנדערע טיילן. און וויכטיגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אַזאַ פּראָגראַם האָט דעם גרויסן פאָרצוג, וואָס זי האָט שוין אויף איר זייט די סימפּאַטיע און שטיצע פון דער גרויסער מערהייט פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק.

פעלן פעלט נאָך די עקזיסטענץ פון ברייטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון אַלע אַרבעטער, פּאַרמער און שטאָטישע מיטל־קלאַסן, וואָס שטעלן צו־זאַמען די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע מערהייט פון פאָלק, וועלכע זאָלן אויסדריקן אַזאַ פּראָגראַם און קעמפן פאַר איר. דאָס פאָלק האָט אַ רעכט צו פאָדערן און עס פאָדערט אַזאַ פּראָגראַם. אָבער דאָס איז ניט גענוג. דאָס פאָלק האָט אויך דאָס רעכט און די פליכט צו קעמפן אַנט־שלאָסן פאַר אַזאַ פּראָגראַם.

אונטער די באַדינגונגען, וואָס הערשן אין אונזער לאַנד, וואו די ברייטסטע מאַסן זיינען נאָך אַלץ ניט אָרגאַניזירט פּאָליטיש, וואו די אָרגאַניזירטע איינינקייט פון דער דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג אַרום איר נאַטירלעכער און אומפאַרמיידלעכער פּראָגראַם דאַרף ערשט דער־גרייכט ווערן, געפינט זיך דער אָנהויב פון דער אַנטוויקלונג פון אַן אמת'ן פאָלקס־פראָנט געגן רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה אויף דעם וועג פון קאַמף פאַר יעדן פּונקט פון אַזאַ פּראָגראַם, אויפ'ן וועג פון געווינען די מאַסן און זייערע אָרגאַניזאַציעס פאַר אַ באַוואוסטזיניגער פאַרבינדונג מיט דער פּראָגראַם ווי אַ גאַנצע, פון אַנטוויקלען די ברייט־סטע קאָאָפּעראַציע און געמיינשאַפטלעכע אַקציע געגן אַ געמיינשאַפט־לעכן שונא, און פון זיכער מאַכן, אַז אין די קומענדיגע קאָנגרעס־וואַלן זאָלן אַלע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע כחות זיין פאַראייניגט אויף צו שטיצן איין קאַנדידאַט פאַר יעדן אַמט, כדי צו גאַראַנטירן די נידער־לאַגע פון די קאַנדידאַטן פון רעאַקציע און מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל. די דאָזיקע עלעמענטאַרע און פונדאַמענטאַלע פאַראייניקונג פון דער דע־מאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג פון פאָלק אַרום אַזאַ עלעמענטאַרער און פונדאַמענטאַלער פּראָגראַם, ווי מיר האָבן אָנגעצייכנט, איז די אויפגאַב, וואָס מיר רופן: בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. דאָס איז דער זי־כערער וועג צו דער נעקסטער שטופע, אין וועלכער מיר וועלן פאַרוויר־קלעכן דעם פעסט־אָרגאַניזירטן פאָלקס־פראָנט פאַר דעמאָקראַטיע און פרידן.

## 2. אָרגאַניזירן דעם זיג פאַר פּראָגרעס אין די וואַלן פון 1938

די קאָנגרעס־וואַלן, אין וועלכע עס דאַרף דערוויילט ווערן דאָס גאַנצע רעפּרעזענטאַנטן־הויז און מער ווי אַ דריטל פון סענאַט, ווי אויך אַ סך סטעיט־אַדמיניסטראַציעס, וועלן פאָרקומען אין נאָוועמבער פון היינטיקן יאָר. די פּריימערי־וואַלן אין די גרעסערע פּאַרטייען זיינען שוין פאָריבער אין אַ צאָל סטעיטס און וועלן אָנגיין אין דעם משך פון

די קומענדיקע הדשים, ביז מיטן סעפּטעמבער. די דאָזיגע וואַלן וועלן זיין אין אַ גרויסער מאָס אַ קראַפט־פּראָבע צווישן די צוויי פּאָליטישע הויפּט־לאַגערן אין לאַנד, דעם לאַגער פון רעאַקציע, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון פאַשיזם, אויף איין זייט, און דעם לאַגער פון פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע אויף דער אַנדערער. די צוויי וויכטיקע פּאָליטישע לאַגערן שניידן איבער די אַלטע פּאַרטיי־ליניעס, און דעריבער ווערט דער קאַמף אין די פּאַרטיי־פּראַימערים פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די ענד־גילטיקע וואַלן. שוין אין 1936 האָט די הויפּט־מאַסע פון דער דעמאָ־קראַטישער מאַסן־באַוועגונג זיך אַ לאָז געטאָן צו שטיצן די דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי אין מערסטע ערטער און אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, בעת דער הויפּט־לאַגער פון די רעאַקציאָנערע כחות האָט זיך פאָרמירט אַרום דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. עס איז נאָך אָבער אַלץ פאַראַן אַ צאָל פּראָגרעסיווע גרופּירונגען אונטער דער רעפּובליקאַנער פאָן דאָ און דאָרט; בעת אונטער דער דעמאָקראַטישער פאָן איז פאַראַן אַ גאַנצער אָרגאַניזירטער פליגל, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער רעאַקציע און קעמפט פאַרן אָפיציעלן קאָנטראָל פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. **מען דאַרף** אין זינען האָבן דיביידע שטריכן, ווען מען אונטערזוכט די דעטאַלי־זירטע פּראָבלעמען פון פאַרוואַנדלען די וואַלן פון 1938 אין אַ זיג פאַר פּאָרטשריט און דעמאָקראַטיע.

די רעזולטאַטן פון די וואַלן פון 1938 וועלן באַשטימען די באַלדיקע ריכטונג פון דער פּאָליטיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן איבער אינערלע־כע און אויסלענדישע פּאָליסים אין די באַדינגונגען פון אַ נאַציאָנאַלן וועלט־קריזיס. עס איז קלאָר, אַז זיי וועלן באַאיינפלוסן אין אַ גרויסער מאָס די גרופּירונג פון כחות פאַר די פּרעזידענט־וואַלן פון 1940 און דורכדעם — די גאַנצע צוקונפט פון אַמעריקע און פון דער וועלט.

די רעאַקציאָנערע כחות, און באַזונדער זייער גענעראַל שטאַב אין וואָל סטריט, באַגרייפן פולשטענדיק די וויכטיקייט פון די וואַלן. זיי מאָ־ביליזירן אַלע זייערע רעזערוון, אַלע זייערע מיטלען צו צעשפּאַלטן די מאַסן אין דעם דעמאָקראַטישן פראָנט און — דורך אַ מאַקסימום איינקייט פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער — צו דערשלאָגן זיך צו קאָנטראָל איבער דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

כדי דער לאַגער פון רעאַקציע זאָל געשלאָגן ווערן, כדי דאָס פאָלק זאָל אָפּהאַלטן אַ זיג, מוז דער דעמאָקראַטישער לאַגער זיין פּונקט אַזוי פאַראייניקט און מאָביליזירט. צו זיכערן דעם דאָזיקן רעזולטאַט איז די גרעסטע היסטאָרישע אויפגאַבע פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק אין דעם איצטיקן מאָמענט. דאָס איז די גרעסטע אויפגאַבע, וואָס דער אַרבעטער

קלאַס האָט פאַר זיך. ס׳איז דעריבער די צענטראַלע אויפגאַב פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכע האָט ניט קיינע אינטערעסן, וואָס ווידער־שפּרעכן די אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, קיינע אינטערעסן וואָס זיינען אָפּגעזונדערט פון די קלאַסן־אינטערעסן פון די אַרבעטער.

## אַרבעטער־אייניגקייט אין דעם דעמאָקראַטישן פראָנט

אונזער רעזאָלוציע דערקלערט:

„דער הויפּט־ציל פון די אַרבעטער מוז זיין צו זיכערן פאַר יעדן פּרייז די נידערלאַגע פון די קאַנדידאַטן פון רעאַקציע און פאַ־שיזם. פאַר דעם דאָזיקן צוועק מוזן די אַרבעטער שטרעבן מיט אַלע מיטלען צו דער פאַראייניגונג פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות הינטער אַן איינציגן פּראָגרעסיוון קאַנדידאַט פאַר יעדן אַמט".

ווען מען באַטראַכט די נאָך־אַלץ־פּרימיטיווע שטופע פון אָרגאַניזאַ־ציע פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, דעם קאַמף, וואָס ער פירט נאָך אַלץ אינווייניק אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי קעגן דעם רעכטן פליגל, וועלכער זוכט צו קאָנטראָלירן די פּאַרטיי, די אָנווענזנהייט פון פּראָגרע־סיווע זוכענישן דאָ און דאָרט אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, די ניט־פאַרענדיגקטקייט פון די זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער גופא, א. אז. וו. — פאָדערט די דאָזיקע אויפגאַב די גרעסטע מאָס בויג־זאַמקייט אין דעם פּראָצעס פון פאַרזאַמלען אַלע פאָרמען פון דער דעמאָ־קראַטישער מאַסן־באַוועגונג אַרום אַזוינע קאַנדידאַטן, וואָס וועלן צום זיכערסטן צוזאַמענשמעלצן די מערהייט און צום פולסטן פאָרויסטראָגן איר געמיינשאַפטלעכע פּראָגראַם.

אַזוי, צום ביישפּיל, וועט אין דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, וועלכער געפינט זיך בלויז אין דעם פּראָצעס פון געשאַפן און אָרגאַניזירט ווערן, שפּילן אַן אַנטשיידענדיקע ראָל דער אַרבעטער קלאַס און זיינע זעלב־שטענדיקע אָרגאַניזאַציעס. כדי דער דעמאָקראַטישער פראָנט זאָל דער־פאָלגרייך אויפגעבויט ווערן, מוז דער אַרבעטער קלאַס אַליין אַרויסווייזן אַ מאַקסימום אָרגאַניזאַציע, אַקטיוויטעט און מאַסן־אייפלוס. דאָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער צוזאַמענשמעלצונג פון דער אייניקייט פון דעם דעמאָקראַטישן בלאָק פון אַרבעטער, פאַרמער און מיטל־קלאַסן מיט אַלע זייערע פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס.

אין דעם מאָס, ווי די אַרבעטער גייען פאָרויס פאַראייניקט ווי אַ מעכטיקע קראַפט, אין דער זעלביקער מאָס וועט די איינהייט פון די

ברייטסטע מאַסן פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט קאָנסאָלידירט און פאַר־זיגלט ווערן געגן אַלע צעשטערענדיקע כחות, וואָס אַרבעטן פאַר׳ן רע־אַקציאָנערן לאַגער.

די איינקייט פון די אַרבעטער אין די וואַלן פון 1938 איז אַבסאָלוט נויטיק פאַר דער איינקייט פון די פאָלקס־מאַסן צו באַזיגן וואָל סטריט, די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, די רעאַקציאָנערן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן אונזער דעמאָקראַטיע און פרידן.

אַרבעטער־איינקייט אין די וואַלן איז אויך דער בעסטער וועג אין דעם איצטיקן מאָמענט צוצוגרייטן די מער פונדאַמענטאַלע איינקייט פון אַלע טרעיד יוניאָנס, ווי איין פאַראייניקטע מעכטיקע אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג. דאָס איז אַ נויטווענדיקייט, וואָס דריקט אויס דעם טיפן וואונש פון אַלע אַרבעטער פון דער א. פ. אָוו ל., דער סי. אי. אָ., אַזוי גוט ווי פון די אייזנבאַן־בראָדערהודס און אַלע זייערע פאַרשיידענע פאָליטישע אָרגאַניזאַציעס.

וואָס אַרבעטער־איינקייט קאָן דערגרייכן אין די וואַלן און ווי נויטיק אַזאַ איינקייט איז, איז זייער גוט אילוסטרירט געוואָרן אין קאָנגרעס דורך דעם וועג, וואָס דער ווייג־און־שטונדן ביל האָט דורכגעמאַכט. ווען די אַרבעטער־כחות האָבן זיך געריסן צווישן זיך וועגן דער פאָרם פון דעם ביל, האָט זיך די רעאַקציאָנערן איינגעגעבן צו צע־טיילן די שטיצע פאַר די פרינציפּן פון דעם ביל, וואָס אַלע פּראָגרעסיסטן זיינען געווען איינשטימיק וועגן זיי. אָבער אַזוי שנעל ווי די אַרבעטער האָבן זיך פאַראייניקט, אַפילו הינטער אַן אומפּאָלקאָמענעם ביל, זיינען אַ סך גרעסער געוואָרן די שאַנסן, אַז דער ביל זאָל אָנגענומען ווערן אין דער איצטיקער קאָנגרעס־סעסיע. די זעלביקע לאַגע וועט גילטן אין הונדערטער וואַל־דיסטריקטן אין די קאָנגרעס־וואַלן. ווען די אַרבעטער זיינען צעשפּאָלטן, וועט דער גאַנצער דעמאָקראַטישער לאַגער דעמאָראַליזירט ווערן און די רעאַקציע וועט דורכמאַרשירן איבער אונז צו אַ ביי־ליגן און גרינגן זיג. ווען די אַרבעטער וועלן זיין פאַראייניקט, וועט דער גאַנצער דעמאָקראַטישער לאַגער צונויפזאַמלען אַלע זיינע כחות, און דער זיג וועט זיין אויף דער זייט פון פאָלק.

אָט דערפאַר באַטאָנט אונזער רעזאָלוציע, אַז

„עס איז דעריבער די דרינגענדיקסטע געמיינשאַפטלעכע אויפגאַבע און פליכט פון דער סי. אי. אָ., א. פ. אָוו ל., לעיבאָר׳ס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג, און די אייזנבאַן־יוניאָנס צו מאַכן זיכער, אַז די אַרבעטער וועלן אַרויסטרעטן פאַראיי־

ניגט אין אָט־די קריטישע וואַלן. אַזוי אַרום וועט געזי־
כערט ווערן די געמיינשאַפטלעכע אַקציע פון דעם דעמאָ־
קראַטישן לאַגער ווי אַ גאַנצן פאַר דער נידערלאַגע פון
רעאַקציע און פאַשיזם".

## די אַנטוויקלונג פון דער קאָנגרעס־פּלאַטפאָרם

מיר האָבן שוין פריער באַטראַכט די פונדאַמענטאַלע פּראָגראַם, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג און וואָס דאַרף פאַרשמאָלצן ווערן אין אַ באַלאַנסירטער גאַנצקייט, וואָס זאָל אין אַלגעמיין אָנגענומען ווערן פון אַלע טיילן פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.ביים אונטערזוכן די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די וואַלן פון 1938 וועט נויטיק זיין צו ברענגען אין באַוועגונג אַלע מעגלעכע כחות, כדי אויסצוקריסטאַליזירן יענע פּראָגראַם, ווי ווייט עס לאָזט זיך, אין אַ קאָנ־קרעטער קאָנגרעס־פּלאַטפאָרם אין יעדן וואַל־דיסטריקט און סטעיט. עס וועט זיין נויטיק אויסצודריקן יענע פּלאַטפאָרם אין לאָזונגען, וואָס קאָ־נען דערגרייכן די ברייטסטע מאַסן און קריגן זייער שטיצע, ווי אַן אמת'ער אויסדרוק פון זייערע אייגענע פאָדערונגען און באַגריפן. עס וועט זיין נויטיק צו פאַרבינדן די דאָזיקע לאָזונגען ווי ווייט עס לאָזט זיך, מיט ספּעציפישע בילס און געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס פאַרמעסטן זיך אָנצו־ווענדן די לאָזונגען אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער.

דער לאָזונג, „פאַר דזשאָבס, זיכערקייט, דעמאָקראַטיע און פרידן" איז דער אַלגעמיינער לאָזונג, וואָס סומירט די גאַנצע פּלאַטפאָרם, וועל־כע מיר שלאָגן פאַר פאַר דעם דעמאָקראַטישן פראָנט אין די וואַלן. אַ גאַנצע ריי מער ספּעציפישע לאָזונגען איז נויטיק אויף אויסצודריקן די דאָזיקע פּראָגראַם אין אירע פאַרשיידענע אָנבליקן ,צו ברענגען זי נעענ־טער צו די טאָג־טעגלעכע לעבנס־באַדערפעניש פון דעם פאָלק. אונזער רעזאָלוציע רעכנט אויס 17 אַזוינע קאָנקרעטע לאָזונגען, און עס איז קיין ספק ניט, אַז די טויזנט דעלעגאַטן צו דער דאָזיקער קאָנווענשאָן קאָנען פון זייער רייכער און פאַרשיידנאַרטיקער דערפאַרונג צוגעבן נאָך הונ־דערט לאָזונגען צום דעם צעטל, וואָס זאָלן זיין נאָך מער דעטאַליזירט און אַלזייטיק. די לאָזונגען, וואָס מיר האָבן פאָרגעשלאָגן, דאַרפן באַ־טראַכט ווערן בלויז ווי ביישפּילן פון די סאַמע צענטראַלע און אַלגעמיינע אָנבליקן פון דער דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרם, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון לאָזונגען פאַר די ברייטע מאַסן.

לאָזונגען, וואָס דריקן אויס אין אַ פּאָפּולערער אָבער קאָנקרעטער פאָרם דעם עצם פון אַ פּאָליטישער פּראָגראַם, זיינען די סאַמע לעבנס־זאַפט פון אַ דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג. זיי זיינען דער שאַרף

פון דעם געווער פון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און קאַמף. זיי זיינען די גאַראַנטיע, אַז די באַוועגונג, איר אָרגאַניזאַציע און אירע פירער זיינען אונטער מאַסן־קאָנטראָל. זיי זיינען די קאַמפס־רופן, וואָס וועקן די מאַסן פון זייער אַפּאַטיע און פילן זיי אָן מיט מוט און קאַמפס־גייסט. זיי זיינען די פאָנען, אונטער וועלכע די אַרמייען פון פאָלק ווערן מאָביליזירט צו באַקעמפן און באַזיגן דעם רעאַקציאָנערן לאַגער.

באַטראַכט אויף אַ מאָמענט דעם ערשטן לאָזונג, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין אונזער רעזאָלוציע: „ברעכן דעם זיץ־סטרייק פון גרויס־קאַפּיטאַל!“. באַטראַכט די וויכטיקע ראָל, וואָס דער דאָזיקער לאָזונג האָט שוין אָפּגעשפּיגלט. לעצטן האַרבסט, ווען דער נייער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן זיינע קאַטאַסטראָפישע ווירקונגען צווישן די מיליאָנען פון דער באַפעלקערונג, האָט דער רעאַקציאָנערער לאַגער אָנגעהויבן זיין קאַמפּאַניע צווישן די מאַסן, כדי זיי איינצורעדן, אַז דער קריזיס איז די אַרבעט פון רוזוועלט'ן און פון די פּראָגרעסיווע פּאָליסים, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אונטער זיין פירערשאַפט, און אַז מיטשולדיק אין דעם קריזיס איז דזשאָן ל. לואיס און די אינדוסטריעלעיוניאָן באַוועגונג פון דער סי. אי. אָ. די רעאַקציאָנערן האָבן געהאָפט, אַז אונטער די קלעפּ פון דעם קריזיס וועט זיך זיי איינגעבן אָוועקצוטרייבן די מאַסן פון אַ פּראָגרעסיווער פּראָגראַם, צו צעברעכן זייער אייניקייט און זיי צוריק אָוועקשלעפּן צום באַנקראָטירטן און דיסקרעדיטירטן הואָוועריזם. זיי האָבן סומירט דעם עצם פון זייער פּאָליטישער אָפענסיווע אין זייער לאָזונג: „דאָס איז אַ רוזוועלט־סי־אי־אָ קריזיס“. און מען מוז צוגעבן, אַז אין דער צעטומלעניש פון די ערשטע וואָכן פון דעם שאַרפן קריזיס, וואָס איז געקומען, האָבן די רעאַקציאָנערן געמאַכט פאָרטשריט; דאָס איז געווען דער סוד פון זייערע דערפאָלגן אין באַזיגן די פּראָגראַם פון דער ספּעציעלער קאָנגרעס־סעסיע אין נאָוועמבער און שפּעטער, אין דער רעגולערער סעסיע, אין דורכפירן די פאַקטישע אָפּשאַפונג פון דעם שטייער אויף ניט־פאַרטיילטע פּראָפיטן און קאַפּיטאַלע געווינסן. זייער אָפענסיווע האָט אין דעם משך פון עטלעכע וואָכן געהאַט אַ געפערלעכן אָפּרוף צווישן די מאַסן.

ווי אַזוי האָבן מיר באַגעגנט די דאָזיקע אָפענסיווע? מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, קלאָר געמאַכט, אַז גראָד הואָווער'ס פּאָליסים, צו וועלכע די רעאַקציאָנערן האָבן געוואָלט צוריקקערן דאָס לאַנד, האָבן געשאַפן דעם טיפסטן קריזיס אין דער געשיכטע; אַז די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַליין צוריקגעבראַכט דעם קריזיס אויף אונז דורך זייער סאַבאָטאַזש פון דער „ריקאָווערי“־פּראָגראַם; אַז די אַרבעט פון דער סי־אי־אָ און דער פּראָגרעסיווער געזעצגעבונג איז געווען דער איינציקער בופער, וואָס האָט

ניט דערלאָזט, אַז דער קריזיס זאָל צוריק ברייגנען אַלע ליידן פון הוא־ווער'ס רעזשים. אָבער די רעאַקציאָנערע אָפּענסיווע איז ערשט דאַמאָלט באַגעגנט און באַזיגט געוואָרן צווישן די מאַסן, ווען מיר האָבן געפונען דעם לאָזונג, וואָס האָט דאָס אַלץ אויסגעדריקט אין דער שאַרפסטער פאָרם, אַ לאָזונג, וואָס יעדער האָט אים געקאָנט גלייך פאַרשטיין, אים געדיינקען און אים איבערגעבן זיינע פריינט. דער לאָזונג איז געווען: „די גרויסע קאַפּיטאַליסטן זיינען אַרויס אויף אַ זיץ־סטרייק; ברעכן דעם זיץ־סטרייק פון גרויס־קאַפּיטאַל!".

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די קאָמוניסטן האָבן ניט געשאַפן דעם דאָזיקן לאָזונג. מיר האָבן אים אויפגעכאַפּט פאַרטיקערהייט פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטן גופא. זיי האָבן באַנוצט דעם לאָזונג, כדי צו אָרגאַניזירן דעם סטרייק; מיר האָבן אים גענוצט, כדי צו ברעכן זייער סטרייק. אין דעם זעלביקן מאָמענט, ווען זיי האָבן פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן די איינרעדעניש, אַז דאָס איז אַ „רוזוועלט־קריזיס", האָבן זיי צווישן זיך געזאָגט אָפן, אַז „קאַפּיטאַל מוז באַזיגן די טרעיד יוניאָנס און דעם נייעם דיל דורך אַרויסגיין אין אַ זיץ־סטרייק. זיי זיינען געווען גע־נוג אומפאָרזיכטיק צו דערלויבן אַ צאָל פון אַזוינע באַמערקונגען צו דערשיינען אין זייערע פינאַנץ־צייטשריפטן און אויף די פינאַנץ־זייטן פון די צייטונגען, וואָס זיינען ניט פאַר די מאַסן צום לייענען. מיר האָבן אָבער אויפגעכאַפּט די דאָזיקע באַמערקונגען, האָבן זיי ברייט פאַרשפּרייט און זיי פאַרוואַנדעלט אין דעם לאָזונג פון די מאַסן פאַר דעם קאַמף געגן דעם קריזיס און זיינע רעזולטאַטן. און די מאַסן האָבן פאַרשטאַנען. זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם לאָזונג אַזוי ווירקזאַם, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן אַלע פאַרשטייער פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער גערופן צו קאַמף געגן דעם „זיץ־סטרייק פון קאַפּיטאַל". פון די מיילער פון די קאַפּיטאַליסטן גופא האָבן מיר געקראָגן דעם לאָזונג פאַר דעם מאַסן־קאַמף געגן זיי.

אָדער באַטראַכט אַנאַנדער לאָזונג: „אַ קאַראַנטין קעגן די מלחמה־מאַכער". פרעזידענט רוזוועלט האָט געשאַפן דעם דאָזיקן לאָזונג אין זיין באַרימטער רעדע אין שיקאַגאָ לעצטן אָקטאָבער. דער לאָזונג האָט געמאַכט געשיכטע, מסתמא מער ווי דער פרעזידענט האָט דערוואַרט, ווייל אין דער דאָזיקער פראַזע איז אויפגעכאַפּט און קריסטאַליזירט די וואַקסענדיקע שטרעבונג פון די פאָלקס־מאַסן צו געפינען אַ מיטל, וואָס זאָל פאַרבייטן די דייטליך־באַנקראָטירטע פּאָליטיק, וועלכע האָט אונטערן נאָמען „נייטראַליטעט" אין דער אמת'ן געמאַכט אַמעריקע פאַר אַ שותף צו די פאַרברעכנס פון די מלחמה־מאַכער. די מאַסן זיינען געווען טיף באַזאָרגט און אַריינגעטראַכט אין דער דאָזיקער פראַגע, זיי זיינען גע־

ווען גרייט פאר א גרויסן באשלוס צו געפינען א נייעם וועג; יענע פראַזע האט געטראָפן אין פינטל און האט פיקסירט דעם באשלוס אין דעם באוואוסטזיין פון די מאסן. פון יענעם מאָמענט אָן האָבן די מאסן זיך שאַרף אוועקגעקערט פון דעם אַלטן איזאָלאַציאָניזם. דאָ האָבן מיר געהאַט אַ פּראַכטפולן ביישפּיל פון דער מאַכט פון אַ ריכטיקן לאָזונג, געלונגען אויסגעדריקט, ווען אַזאַ לאָזונג ווערט אַרויסגערוקט און ברייט פאַרשפּרייט אין דעם פּסיכאָלאָגישן מאָמענט.

די אַנדערע לאָזונגען פון דער רעזאָלוציע, וואָס געפינט זיך פאַר אייך, זיינען מער ניכטער און שפּיגלען אָפּ מער דירעקט, אָן בילדלעכער שפּראַך, די פּראָגראַמאַטישע אידייען, וואָס דאַרפן אויסגעדריקט ווערן. מיר האָבן נאָך ניט געפונען פאַר אַלע פאָדערונגען פון פאָלק דאָס „פליגעלדיק וואָרט“, וואָס זאָל גלייך ברייינגען די דאָזיקע פאָדערונגען צו יעדן ווינקעלע אין לאַנד. זיי זיינען אָבער גוטע, ממשות׳דיקע לאָזונגען און זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער ניצלעכקייט. זיי וועלן מסתמא נאָך מוזן אַרבעטן אַ היבשע שטיק צייט, ביז זיי וועלן פאַרביטן ווערן אויף אַנדערע.

„דזשאָבס אָדער געהעריקער רעליף פאַר יעדן אַרבעטער“ איז אַ קורצער און גענויער אויסדרוק פון דער פאָדערונג, אַז די רעגירונג זאָל אויף זיך נעמען די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר יענע לעבנס-באַדינגונגען, וואָס זיינען אויסער דעם קאָנטראָל פון דעם יחיד, דער פאַמיליע און די פּריוואַטליכע קערפּערשאַפטן פון פאָלק. אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז שוין איצט עטאַבלירט, זי איז אָנגענומען פון דער רעגירונג אין פּרינציפּ. זי איז נאָך אָבער בשום אופן ניט אָנגעווענדט ווי געהעריק אין לעבן, אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער אַדמיניסטראַציע. דער איצטיקער ריקאָווערי-ביל, וואָס האַלט אין געווינען זיין וועג דורכ׳ן קאָנגרעס, איז אַ פאַרשפּעטיקטע און טיילווייזע אָנערקענונג פון דעם דאָזיקן לאָזונג. אַפילו אַט-דער ניט-צופרידנשטעלנדער ביל פאָדערט אָבער, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל אויפגערודערט ווערן, כדי ניט צו דערלאָזן, אַז ער זאָל סאַבאָטאַזשירט און צעפּליקט ווערן דורך דער רעאַקציאָנער טאָרי-קאָאַליציע.

די איינהייט פון דער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעדריקט אין אונזערע לאָזונגען, און די פאַרבינדונג און שייכות צווישן אירע פאַרשיידענע טיילן, דאַרף דערקלערט ווערן אין אונזער וואַל-אַגיטאַציע, און די פולע באַדייטונג פון דער פּראָגראַם דאַרף באַלויכטן ווערן. באַטראַכט, צום ביישפּיל, די פאָלגענדיקע צוויי לאָזונגען: „ברעכן די פּראָפיטירישע מאָנאָפּאָליעס, וואָס באַראַבעווען דאָס שפּייז-קוישל פון פאָלק“, און

„גאַראַנטירן די פאַרמער דעם באַזיץ פון זייער לאַנד און פּרייזן, וואָס אַנטשפּרעכן דעם קאָסט פון פּראָדוקציע". וואָס זיינען די פאַקטן הינטער די דאָזיקע צוויי לאָזונגען? די פאַקטן זיינען, אַז די מאַסע פון פאָלק צאָלט הויכע מאָנאָפּאָליסטישע פּרייזן פאַר עסנוואַרג, בעת דער פּראָדוצירער פון דער שפּייז אויף דער פאַרם קריגט ווייניקער ווי עס קאָסט אים צו באַטרייבן די פאַרם און איז דעריבער אויסגעשטעלט צו דער געפאַר אַפילו צו פאַרלירן זיין פאַרם, זיינע פּראָדוציר־מיטלען. די דערקלערונג פון ביידע פאַקטן ליגט אין דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, וואָס קאָנטראָלירט די מערק און די באַאַרבעטונג־אינדוסטריען, טרייבט אַרונטער די פּרייזן, וואָס דער פאַרמער קריגט און יאָגט אַרויף די פּרייזן, וואָס דער קאָנסומער צאָלט. דער זעלביקער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל דערקלערט דער שטאָטישער באַפעלקערונג, אַז דער פאַרמער איז די אורזאַך פון די הויכע פּרייזן (און אויך די שטייערן, וואָס ער וויל זיי זאָלן פאַרקלענערט ווערן פאַר זיינעטוועגן), און דעם פאַרמער דערקלערט ער, אַז די שטאָטישע באַפעלקערונג (ספּעציעל די אַרבעטער מיט זייערע טרעידיוניאָנס, הויכע וועידזשעס, קורצע שטונדן, א. אַז. וו.) איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זיינע צרות. אַלע רעאַקציאָנערע פּאָליטישענס, אַגענטן פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, זינגען דעם דאָזיקן ווידערשפּרעכלעכן דועט פון זייער היפּאָקריטישן בוך פּאָליטישע לידער. מיט די דאָזיקע צוויי לאָזונגען קאָנען מיר, פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, גיבן די זעלביקע דערקלערונג דעם פאַרמער ווי דעם אַרבעטער, צוזאַמען מיט אַ געמיינשאַפטלעכער פּראָגראַם, אין וועלכער זיי קאָנען ,דורך אייניקייט, ביידע געפינען די לייזונג.

מיר וואָלטן געקאָנט אַזוי גיין ווייטער, דורך דעם גאַנצן צעטל לאָזונגען, און אילוסטרירן זייער שייכות צו די באַדערפענישן פון פאָלק און צו אַ פונדאַמענטאַלער און באַלאַנסירטער פּראָגראַם, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דער נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון אַמעריקע און לייזן אונזערע באַלדיקע פּראָבלעמען. מיט די דאָזיקע ביישפּילן מוזן מיר אָבער אַריבערגיין צו אונזערע ווייטערדיקע פראַגן, ווייל אונזער צייט איז באַגרעניצט. זאָל יעדער איינער פון אונז באַהערשן די דעמאָקראַטישע פּראָגראַם און די לאָזונגען, וואָס דריקן זי אויס, כדי צו ווערן אַ מייסטער־אַגיטאַטאָר צווישן פאָלק.

אַ גרויסער טייל פון דער דאָזיקער וואַל־פּלאַטפאָרם און אַ סך פון די לאָזונגען, וואָס דריקן זי אויס, איז שוין אָננעמבאַר פאַר אַלע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע טיילן פון דער באַפעלקערונג און זייערע פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. די וואַל־קאַמפּאַניע שאַפט די בעסטע געלעגנהייט איינצוגלידערן די גאַנצע פּראָגראַם טיף אין די מאַסן, צו

מאַכן זיי באַוואוסטזיניק וועגן דער פּראָגראַם ווי אַ גאַנצע, צו מאַכן זיי זען אין יעדער באַזונדערער פאָדערונג איינעם פון די וואָרצלען, וואָס לעבט אַליין און וואַקסט בעת ער שפּייזט דעם בוים, — די פּראָגראַם ווי אַ גאַנצע, וואָס איז דער אינסטרומענט פאַר דערווערבן ערנסטע פּאָליטישע מאַכט אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. ווייטערדיקע קאָנקרעטיזאַציע פון די לאָזונגען אין טערמינען פון די באַזונדערע פּראָבלעמען פון פאַרשידענע געגנטן און ערטער, און פון ספּעציעלע פּראָבלעמען, ווי אויך אין טערמינען און אין דער פאָרם פון דעטאַליזירטע געזעצגעבונגס־פאָדערונגען און געזעץ־פּראָיעקטן, מוז דורכגעפירט ווערן שטענדיק מיט אַן אויג צו פאַרבינדן יעדן פּונקט מיט דער גאַנצער פּראָגראַם.

מיטלען מוזן געפונען ווערן אויף דורכצוברעכן די טאָרי־בלאָקאַדע כחות, מיט אַן אויג צו די וואַלן, און דאָס אויסהאַמערן פון אַ פּראָגראַם, ווערן שוין דורכגעפירט אין אַ סך סטעיטס און דאַרפן ענערגיש געשטויסן ווערן אומעטום. פון אַזוינע קאָנפערענצן שטייט־אויף אַ נייע פירערשאַפט, נייע פּערמאַנענטע קאָמיטעס ווערן געשאַפן. די אַלע סטעיט באַוועגונגען דאַרפן פאַראייניקט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. אַ נאַציאָנאַלע פאָלקס־קאָנפערענץ פאַר געזעצגעבונג ווערט רייף און דאַרף דיסקוטירט ווערן אומעטום מיט דעם געדאַנק צו פאַררופן זי אַזוי שנעל ווי מעגלעך, ווי נאָר עס איז דאָ אַן אויסזיכט פאַר אַ צוזאַמענקונפט, וואָס וועט ווי געהעריק פאַרטרעטן די אַלע באַוועגונגען.

מיטלען מוזן געפינען ווערן אויף דורכצוברעכן די טאָרי־בלאָקאַדע פון די קאַנאַלן פון עפנטלעכער אינפאָרמאַציע. אין 1936 האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרויסע מערהייט פון די אַמעריקאַנער צייטונגען נעמט אירע פּאָליטישע דירעקטיוון פון וואָל סטריט. מיר טאָרן זיך ניט לאָזן איינשלעפערן, אין דער אַנוועזנהייט פון אָט־דער געפאַר, דורך דעם געדאַנק, אַז אָט־די צייטונגס־מאָנאָפּאָליע איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן צוריק מיט צוויי יאָר. די פּרעסע איז אַ שעדלעכע, בייזע מאַכט, וואָס איז פיזיש אָנצוטאָן שרעקלעכן שאָדן דער אייניקייט פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, ספּעציעל אין אַ נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, וואָס איז אַזוי אויפרייסנדיק, און ווען די רעאַקציאָנערן, וועלכע באַזיצן די פּרעסע, זיינען אַזוי פאַרצווייפלט. די מאַכט פון דער פּרעסע אַף דער רעאַקציאָנערער זייט מוז באַלאַנסירט ווערן דורך מער סיסטעמאַטישע און פאַראייניקטע באַמיאונגען צו בויען אַ דעמאָקראַטישע פּרעסע; דורך מער ערנסט באַנוצן די ראַדיאָ; דורך פאַרטיילן גוט־צוגעגרייטע ליפלעטס אויף אַ נאַציאָנאַלן און סטעיט מאַסשטאַב, דורך עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, דעבאַטן און אַלע פאָרמען פון דראַמאַטישע פאַרשטע־

לונגען. מיר מוזן זיך אויסלערנען צו דערגרייכן די גאַנצע באַ־פעלקערונג מיט אונזער מעסעדזש פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

## אָרגאַניזירן דעם דעמאָקראַטישן פראָנט אין די וואַלן

אונזער רעזאָלוציע ווייזט אָן, אַז „די אָרגאַניזאַציאָנעלע אויס־דרוקן און פאָרמען פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט דאַרפן זיין אויף אַ בויגזאַמען אופן צוגעפּאַסט צו דער קאָנקרעטער סיטואַציע אין יעדן סטייט און קאָנגרעס דיסטריקט.״ עס איז ניטאָ קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע סכעמע אָדער געצייכנטער פּלאַן, וואָס קאָן אָנגעווענדעט ווערן אומעטום און ברענגען דעם געווינטשטן רעזולטאַט — איינהייט פון אַלע דעמאָקראַטישע כחות הינטער אַן איינציקן קאַנדידאַט פאַר יעדן אמט. עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער רייפקייט פון די פאַרשיידנאַרטיקע מענטשן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס דאַרפן צוזאַמענגעבראַכט ווערן; עס זיינען דאָ אונטערשיידן אין די קלאַסן־פאַרהעלטעניש, עס זיינען דאָ אונטערשידן אין היסטאָרישע הינטערגרונדן און עס זיינען דאָ פאַרשיי־דענע וואַל־געזעצן סיי פאַר פּריימערים און סיי פאַר די ענדגילטיקע וואַלן. די אַלע אונטערשידן מוזן פּאָרזיכטיק ארייגענומען ווערן אין חשבון, בעת מען זוכט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, וואָס זאָלן ברענגען דעם מאַקסימום דעמאָקראַטישע איינהייט קעגן דעם לאַגער פון רע־אַקציע און מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

פון דער דערפאַרונג פון דער מאַסן־באַוועגונג האָבן זיך ארויס־געטיילט פיר הויפּט־טיפּן מאַסן־אָרגאַניזאַציע, אין אָדער ארום וועלכע עס איז מעגלעך צו פאַרזאַמלען אַ מערהייט פון די וויילער. דאָס זיינען:

1. דער טיפּ פון מינעסאָטאַ און וויסקאָנסין, אינגאַנצן זעלבסט־שטענדיקע פּאַרטייען, די פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי און די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען שוין עטאַבלירט ווי מערהייט־פּאַרטייען, וואָס האָבן די מאַכט אין דער סטייט־רעגירונג. דאָ איז די אויפגאַבע — איינצואַיואָרצלען פעסטער די פּאַרטייען צווישן דער באַפעלקערונג דורך אויסברייטערן זייער אָרגאַניזאַציאָנעלן פונדאַמענט צווישן די מאַסן, באַזונדער אין דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג, דורך קלאָר מאַכן זייערע פּראָגראַמען און מאָביליזירן די מאַסן פאַר זייער שטיצע.

2. דער טיפּ פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי אין ניו יאָרק, וואו די זעלבשטענדיגע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אַרבעט אין אַ בונד מיט פּראָגרעסיווע גרופּן אין און ארום די אַלטע פּאַרטייען און קעגן זייערע רעאַקציאָנערע פליגלען.

3. דער טיפּ פון דער קאָמאָנוועלט פעדערעישאָן פון וואשינגטאָן סטעיט, וואָס נעמט צונויף אַלע מאסן־אָרגאניזאציעס ניט אין א נייער פּארטיי־סטרוקטור, נאָר אין א פעדעראציע, וואָס אָפּערירט דורך די דעמאָקראטישע פּארטיי־פּראַימערים. אין א סך פּלעצער האָט דער דאָזיקער טיפּ די טענדענץ זיך צו פארשמעלצן מיט דער לעיבאָר'ס נאָן פּארטיזאָן ליג אונטער אלערליי ספּעציעלע סטעיט־נעמען.

4. דער טיפּ פון דער לעיבאָר'ס נאָן פּארטיזאָן ליג, וואָס פאראייניקט הויפּטזעכלעך די טרעיד־יוניאָן כחות און ארבעט דערנאָך דורך די דעמאָקראטישע פּארטיי־פּראַימערים (אַמאָל אויך דורך די רעפּובליקאנישע) אין בונד מיט פארשיידענע אנדערע פּראָגרעסיווע גרופּירונגען, און ווען די פּראַימערים ברענגען ניט קיין דערפאלג, ווערן צומאל ארויסגעשטעלט זעלבסטשטענדיקע פּראָגרעסיווע קאנדידאטן־צעטלעך.

דאָס סאמע הארץ פון די אַלע טיפּן אָרגאניזאציאנעלע פאָרמען איז דער פארזוך צו שאַפן פאראייניקטע אקציע פון די יוניאָנס פון דער סי־איי־אָ, א. פ. אָ. ל. און די אייזנבאַן בראָדערהודס, און ארום די פאראייניקטע כחות פון די ארבעטער צו פארזאמלען אלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אויף צו שטיצן אן איינציקן קאנדידאט פאר יעדן אמט.

קאָמוניסטן מוזן געבן זייער פעסטע שטיצע צו יענער פאָרם פון אָרגאניזאציע, וואָס האָט די אויסזיכט צו שאַפן די ברייטסטע און שטאַרקסטע איינקייט. מיר מוזן אקטיוו זיך באטייליגן, דורך אונזער ראט און מיינונג, צו שאַפן א פאראייניקטע עפּענטלעכע מיינונג אויף צו שטיצן די אָנגענומענע פאָרם. מיר געפינען עס שטענדיק פאר מעגלעך צו אונטערוואַרפן אונזערע אייגענע מיינונגען דער מערהייט, ווען אונזערע אייגענע אָנשויאונגען ווערן ניט אָנגענומען.

די קאָמוניסטישע פּארטיי באטייליקט זיך אויך, דורך אירע מיטגלידער און אויך דירעקט, אויב עס איז דאָ די מעגלעכקייט, אין דעם דעמאָקראטישן אויסוואַל פון קאנדידאטן, וואָס זאָלן פארטרעטן דעם דעמאָקראטישן פראָנט. קאָמוניסטן מעגן אויך באטראַכט ווערן פאר אזוינע קאנדידאטורן, דאָרט וואו אזא אקציע וועט ביישטראָגן צו דער נויטיקער איינקייט פון דעם דערפאלג אין די וואַלן פאר דעם גאנצן דעמאָקראטישן פראָנט. מיר האלטן, אז עס וואָלט געווען אין די בעסטע אינטערעסן פון דער גאנצער דעמאָקראטישער באוועגונג, פאר דער אנטוויקלונג פון דעם ארבעטער קלאַס, אזוי גוט ווי פון אונזער פּארטיי, ווען צווישן די דערוויילטע קאנדידאטן צו די סטעיט־לעדזשיסלעיטשורס און צום קאָנגרעס זאָלן אויך זיין קאָמוניסטן.

אין מערסטע סטעיטס וועט די קאָמוניסטישע פּארטיי נאָמינירן אירע אייגענע קאנדידאטן, כדי צו קאָנען גאראנטירן — דאָרט וואו די רעאקציאָנערע קאנדידאטן שטופן ארויס אלע פּראָגרעסיווע אויף אנדערע טיקעטס, אז דאָס פעלד וועט ניט מאָנאָפּאָליזירט ווערן דורך דעם רעאקציאָנערן לאגער, אז אונטער אלע באדינגונגען וועט זיין א קאנדידאט און א טיקעט, וואָס פארטרעט דעם דעמאָקראטישן פּראָגראַם. אומעטום וואו די פּראָגרעסיווע כחות פאראייניקן זיך ארום אַן אַנדער קאנדידאט, וועלן די קאָמוניסטישע פּארטיי־קאנדידאטן צוריקגעצויגן ווערן.

אונזער רעזאָלוציע גיט א קלאָרע אָנווייזונג פאר אונזער גאנצער וואל־ארבעט אין 1938, ווען זי דערקלערט:

„די קאָמוניסטישע פּארטיי וועט ניט אויפשטעלן ווי אַן אולטימאטיווע באדינגונג, אז זי זאָל אָפיציעל און פאָרמעל אנערקענט ווערן און אריינגענומען ווערן אין דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. די פּארטיי וועט ארבעטן ענערגיש צו שאפן די פאָר־באדינגונגען פאר אזא אָפיציעלער אנערקענונג דורך אירע דעמאָקראטישע פארבינדעטע אזוי שנעל ווי מעגלעך, דורכדעם וואָס זי וועט געווינען זייער צוטרוי און אכטונג צוליב דער ווירקזאמער ארבעט פון פּארטיי־מיטגלידער אין די טרעיד יוניאָנס און אנדערע מאסן אָרגאניזאציעס, דורך באַטייליקן זיך אין דער לעיבאָר'ס נאָן פּארטיזאַן ליג, א. א. וו., און דורך דער דירעקטער ארבעט פון דער פּארטיי אויף א זעלבשטענדיקן אופן צו העלפן אין דער געמיינשאפטלעכער ארבעט“.

## 3. געווינען אַמעריקע פאַר אַ פּאָזיטיווער פרידן־פּאָליטיק

עס איז אוממעגלעך צו באטראכטן ווי געהעריק יועלכע ס'איז פראגע פון אונזער אינערליכן לעבן אין אמעריקע, סיידן דאָס ווערט געטאָן אין דער ליכט פון דער באַלדיקער געפאַר פון א נייער וועלט־מלחמה, א מלחמה, וואָס וואָלט זיכער געווען הונדערט מאָל אזוי צעשטעריש ווי די לעצטע, א מלחמה, אין וועלכער ציוויליזאציע גופא איז אין געפאר אומצוקומען. דער קאמף פאר פרידן איז דעריבער אזוי אַל־וויכטיג, אז דער דאָזיגער באריכט וואָלט ניט געווען פארגאנצט אָן א פונדאמענטאלער ווידער־אונטערזוכונג פון דער פראגע. וועלט־פרידן איז א נאַציאָנאלער אינטערעס פון די פאראייניקטע שטאַטן.

די פאראייניקטע שטאטן פארנעמט אן אייגנארטיגע פאזיציע אין וועלט־ענינים. דאס לאנד באזיצט אומגעפער א העלפט פון דער ווירטשאפט פון דעם אנגעזאמעלטן רייכטום פון דער וועלט און פון פראדוציר־מאשינעריע. אמעריקע פארנעמט א פריווילעגירטע פאזיציע דערמיט, וואס זי איז נים אויסגעשטעלט צו קיין באלדיקער געפאר פון אגרעסיע פון דרויסן און האט דעריבער א סך מער פרייהייט פון אקציע, ווי וועלכעס ניט איז אנדער לאנד. צו אמעריקע הערן זיך צו אלע פעלקער, און דרוך א דרייסטער און קלארער דעקלאראציע פון פאליסי האט זי די מעגלעכקייט צו מאביליזירן מיליאנען און צענדליקער מיליאנען, וואס זאלן זי שטיצן איבער דער גאנצער וועלט.

עס איז א ספק, צי א וועלט־מלחמה קאן אויסגעמיטן ווערן, צי אירע פייערן קאנען איינגאנצן אויסגעלאשן ווערן אין שפאניע און אין כינע און אין עטאפיע און צי עס קאן אנגעהאלטן ווערן וועלט־פרידן אן דער ווירקזאמער באטייליגונג פון אונזער אייגן לאנד אויף דורכצופירן די דאזיגע אויפגאב, — א געמיינשאפטלעכע אויפגאב, פון אלע פראגרעסיווע, דעמאקראטישע און פרידן־זוכענדיקע פעלקער.

דאס אמעריקאנער פאלק שטייט פאר א מורא׳דיקער פאראנטווארטלעכקייט — און אן אומגעהויערער געלעגנהייט. אבער אונזער רעגירונג אין וואשינגטאן וואקלט זיך און באהערשט ניט די פראבלעם. זי אנערקענט אפן אירע פאראנטווארטלעכקייטן און דעם קלארן וועג דורך וועלכן זיי קאנען באגעגנט ווערן, אבער אין דער פראקטיק גייט זי פון איין אומגעשיקטן און פחדנ׳שן טעות צו א צווייטן און זעצט פאר די פאלשע און היפאקריטישע „נייטראליטעט", וואס די רעגירונג אליין האט אנערקענט איר באנקראט.

עס איז מער ניט מעגלעך צו באקלאגן זיך, אז די „אישו" איז ניט קלאר, אז דער וועג פארויס איז נים אנגעצייכנט, אדער אז די מאסן פון פאלק פארשטייען ניט און וואלטן ניט געשטיצט קיין פאזיטיווע פאליסי פאר פרידן.

די פונדאמענטאלע שטריכן פון אזא פרידנס פאליסי זיינען קלאר פארמולירט געווארן דורך פרעזידענט רוזוועלט אין זיין לאזונג, „א קאראנטין אויף די מלחמה־מאכער", און דורך קאנגרעסמאן א׳קאנעל אין זיין פרידנס־אקט, וואס געפינט זיך איצט פאר׳ן קאנגרעס (ה. ר. 527) און וואס דריקט אויס דעם דאזיקן לאזונג אין די דעטאליזירטע און לעגאלע טערמינען פון א געזעץ. דער דאזיקער לאזונג און די פרינציפען פון דעם דאזיקן געזעץ־פראיעקט האבן שוין געוואונען די שטיצע פון גרויסע מאסן פון פאלק.

דער פונדאמענט פאר אזא פאזיטיווער פרידנס פאליסי איז דער סעלאג־פרידנס־פאקט, דורך וועלכן אלע רעגירונגען פון דער וועלט, אונטער דער פירערשאפט פון די פאראייניקטע שטאטן, האבן זיך פייערלעך פארפליכטעט ניט צו באנוצן זיך מיט מלחמה ווי אן אינסטרומענט פון נאציאנאלער פאליטיק. וואס עס פאדערט זיך איז פשוט צו דערגאנצן דעם דאזיגן פאקט דורך פעסטשטעלן די נעמען פון די מלוכות, וואס איבערטרעטן אים, זיי אפשניידן דעם צוטריט צו דער אמעריקאנער ווירטשאפט, ביז זיי וועלן ניט אויפהערן איבערטרעטן דעם פאקט און אנצובאטן מאראלישע און עקאנאמישע קאאפעראציע צו אלע מלוכות, וואס האלטן זייער ווארט, און ספעציעל — צו די קרבנות פון מלחמה־אגרעסיע. אזא פאליסי, און בלויז אזא, קאן ווירקלעך „באזייטיקן פראפיט פון מלחמה" און דורכדעם אנהאלטן וועלט־פרידן. בלויז אזא פאליסי קאן אײנהיטן די דעמאקראטיע אין אמעריקע.

ארום די דאזיקע איינפאכע, קלארע און אומבאשטרייטבארע פרינציפן הויבט זיך שוין אויף א גרויסע מאסן־באוועגונג. עס איז אונזער אויפגאבע צו ארגאניזירן די דאזיקע באוועגונג מיט אזא ברייטקייט און מאכט, אז עס זאל מער ניט מעגלעך זיין פאר דער אדמיניסטראציע אין וואשינגטאן זיך צו וואקלען און באגיין פעלערן אויף דעם חשבון פון דעם וועלט־גורל. די אמעריקאנער ליג פאר פרידן און דעמאקראטיע שטעלט מיט זיך פאר דעם בעסט־ארגאניזירטן מאסן־צענטער פאר דער דאזיקער באוועגונג אין דער ריכטונג פון א פאזיטיווער פרידנס פאליטיק און זי מוז קריגן פולע שטיצע.

אמעריקע מוז זיך שטעלן אין דער פירערשאפט. דאס איז אונזער פאראנטווארטלעכקייט און אונזער געלעגנהייט.

מיר האבן אוועקגעלייגט אלע ארגומענטן פון די „נייטראליטעט"־פריידיגער אונטער דעם מיקראסקאפ און זיי אנאליזירט. זייער סך הכל איז — קאפיטולירן פארן פאשיזם אין דער היים און אין אויסלאנד און מיטווירקונג מיטן פאשיזם אויפ'ן געביט פון אומברענגען די ציוויליזאציע. עס איז פאר מיר ניט נויטיק צו ווידעריהאלן דעם דאזיקן אנאליז אין דעם איצטיקן באריכט. איר האט דאס אין אייערע הענט, אין דעם פאמפלעט: „געמיינשאפטלעכע אקציע אדער איזאלאציע — וואס איז דער וועג צו פרידן?", און אין דעם רעקארד פון דער דעבאטע מיט פרעדריק דזש. ליבי, דעם 4טן מאי, וואס איז אפגעדרוקט אין „ניו מעסעס" פון דעם 24טן מאי, 1938. די דאזיקע דאקומענטן זיינען דער באזיס פון דעם דאזיקן טייל פון מיין באריכט צו דער קאנ־

וועגשאַן, און דורך אייער אָננעמען דעם דאָזיקן באַריכט, וועט איר גוט־הייסן יענע דאָקומענטן.

אַלע קעגנער פון אונזער פרידנס־פּאָליסי גיבן אָן, ווי זייער לעצטן אַרגומענט, קין׳ס ווערטער „השומר אחי אנכי?“, צי בין איך מיין ברודער׳ס היטער? שטייענדיק פאַר די צעקאַליעטשעטע קערפּערס פון מיליאָנען קרבנות פון די פאַשיסטישע מלחמה־מאַכער, שלאָגן זיי פאָר, אַז מיר זאָלן נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון דעם פּרוש, וואָס יעזוס האָט אים באַשריבן אין זיין משל, וועלכער האָט „אָפּגעקערט זיינע אויגן און איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט וועג“.

מיר קאָנען דערקלערן מיט רואיקער זיכערקייט, אַז אונזער לאַנד און אונזער פאָלק וועט קיינמאָל ניט אָננעמען די דאָזיקע ביישפּילן ווי אונזער וועג־ווייזער אין די פאַרהאַלטענישן מיט אַנדערע לענדער און פעלקער פון דער וועלט.

קעגן דעם שענדלעכן לאָזונג פון „נייטראַליטעט“ צווישן די פאַשיסטישע מלחמה־מאַכער און זייערע קרבנות, הויבן מיר אויף הויך ווי אַ וועג־ווייזער פאַר אַמעריקע און איר פאָלק די אומשטערבלעכע ווערטער פון קאַרל מאַרקס: „צו באַשטעטיקן די איינפאַכע געזעצן פון מאָראַל און גערעכטיקייט, וועלכע דאַרפן רעגירן אין די פאַרהעלטענישן פון פּריוואַטע יחידים, ווי די העכסטע כללים אין דעם פאַרקער פון נאַציעס“.

פאַר אָט דער פּאָליסי וועלן מיר געווינען די מערהייט פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק אין נאָך אַ גרעסערער צאָל און אַנטשלאָסנהייט, ביז זי וועט פולשטענדיק דורכגעפירט ווערן אין לעבן דורך דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס איז דאָ ניט נויטיק אויף דאָס־נייַ אָנצוגעבן די דעטאַלן פון אונזערע פּראַקטישע אויפגאַבן אין דעם קאַמף פאַר פרידן. עס מוז אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אַ מער ווירקזאַמער קאַמף פאַר דער דאָזיקער פּראָגראַם איז דער וועג צו געווינען די מאַסן פאַר אַ פּאָזיטיווער פרידנס־פּאָליסי.

און אין דער ערשטער ריי: מער הילף פאַר דער רעפּובליקאַנער רעגירונג אין שפּאַניע — פּאָליטישע הילף, מאַטעריעלע און מאָראַלישע. די מאָביליזירונג פון ברייטער שטיצע און הילף פאַר כינע קעגן די יאַפּאַנעזער אַריינדרינגער און אונטערדריקער; אַ ברייטע און אינטענסיווע אַגיטאַציע צווישן דעם אַמעריקאַנעם פאָלק לטובת דעם עמ־

אַפּישן פאָלק און קעגן די פאַשיסטישע אונטערדריקער און פאַרגוואַל־דיקער; מאָביליזירן די אַקטיווסטע שטיצע פאַר דעם מעקסיקאַנעם פאָלק אין זיין היסטאָרישער שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און צו ברייטער דעמאָקראַטיע; און צוזאַמען מיט דעם אַלעמען — די ווייטערדיקע קאָנסאָלידירונג פון די מאַסן פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק אויף צו שטיצן די פרידנס־פּאָליסיס פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

## 4. מיר שטרעקן אויס די האַנט פון ברידערלעכער קאָאָפּעראַציע צו די קאַטאָליקן

אין דעם דעמאָקראַטישן לאַגער געפינט זיך די גרויסע מערהייט מיטגלידער פון דער קאַטוילישער קירך. מיר קאָמוניסטן שטרעקן אויס די האַנט פון ברידערליכער קאָאָפּעראַציע צו זיי און דריקן אויס אונזער פאַרגעניגן, וואָס מיר קעמפן זייט ביי זייט מיט זיי פאַר די זעלביקע עקאָנאָמישע און סאָציעלע צילן. די קאַטוילישע געמיינדע, וואָס נעמט אַריין אַרום אַ זעקסט־חלק פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, טיילט פולשטענדיק אַלע שוועריקייטן און שטרעבונגען צו אַ בעסערן לעבן פון אונזער גאַנצן פאָלק. די דאָזיקע געמיינדע, צוליב איר אויסנעמלעכער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, שאַפט געוויסע ספּעציעלע פראַגן פאַר דעם דעמאָקראַטישן פראָנט און דעריבער אויך פאַר די קאָמוניסטן. לאָמיר אין קורצן באַטראַכטן די וויכטיקסטע פון אָט־די פראַגן.

ערשטנס, לאָמיר באַטראַכטן די באַציאונגען צווישן קאָמוניסטן און קאַטאָליקן. מ׳מוז צוגעבן, אַז די קאַטאָליקן זיינען אַ סך און מיר זיינען ווייניק, אַז אין פאַרגלייך מיט די העכער צוואַנציק מיליאָן קאַטאָליקן איז פאַראַן ווייניקער ווי צען פּראָצענט פון אָט־דער צאָל קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער. דאָס הייסט, אַז ווען עס וואָלט עקזיסטירט וועלכער ס׳איז סאָציאַלער קאָנפליקט פון אינטערעסן צווישן די צוויי גרופּן, וואָלטן די קאַטאָליקן אונז איבערגעוואויגן נומעריש צען צו איינס און מיר וואָלטן געווען אין אַ זייער אומגינסטיקער פּאָזיציע. און די זאַך איז, וואָס געוויסע פּערזאָנען אַרבעטן זייער שווער, כדי צו שאַפן אַ קאָנפליקט צווישן קאַטאָליקן און קאָמוניסטן, אַ קאָנפליקט וואָס מיר האָבן גאָרניט קיין פאַרלאַנג צו אים און וואָס — אויף וויפיל ער עקזיסטירט — איז ער געבויט אויף מיספאַרשטענדעניש און מיסרעפּרעזענטאַציע. מיר ווילן באַזייטיקן יעדע מיספאַרשטענדעניש און באַשטרייטן יעדע מיסרעפּרעזענטאַציע אין די אינטערעסן פון ברידערלעכע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן.

פראַגן פון רעליגיעזן גלויבן האָבן גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער

דאָזיקער פּראָבלעם. עס איז אמת, אַז מערסטע קאָמוניסטן זיינען ניט קיין קאַטאָליקן, כאָטש אַלץ אַ גרעסערע צאָל קאַטאָליקן טרעטן אריין אין אונזער פּאַרטיי. אָבער דאָס איז אויך אמת בנוגע פינף־זעקסטלעך פון דעם אמעריקאַנער פאָלק, וואָס זיינען אויך ניט קיין קאַטאָליקן. עס איז אויך אמת, אַז מערסטע קאָמוניסטן זיינען ניט קיין אָנהענגער פון קיין שום רעליגיע און נעמען אָן אַ פילאָזאָפיע, וואָס געפינט ניט קיין פּלאַץ פאַר דעם איבערנאַטירלעכן עלעמענט אין לייזן סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, כאָטש אין דער דאָזיקער פראַגע איז ניטאָ קיין דאָגמאַטישע פאַרפליכטונג מצד דער פּאַרטיי מיטגלידערשאַפט, און מיר האָבן אַלץ אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער, וואָס האַלטן אָן זייערע קירך־פאַרבינדונגען. אָבער אויך דאָס איז נישט קיין אורזאַך צו שאַפן אַ קאָנפליקט צווישן אונז, ווייל קאָמוניסטן רעספּעקטירן געוויסענהאַפט אַלע רעליגיעזע גלויבנס און מיידן אויס יעדע אומאַכטונג צו זיי, שטיצענדיק פעסט פולשטענדיקע רעליגיעזע פרייהייט און טאָלעראַנץ. אויב אונזערע אָנשויאונגען אַנטהאַלטן טעות'ן, לויט די סטאַנדאַרדס פון קאַטוילישער לערע, קאָנען אַזוינע טעותן זיך אונטערשיידן בלויז אין זייער שטופע פון די טעות'ן פון פינף־זעקסטל פון אַלע אַמעריקאַנער, וואָס לעבן אויך אין טעות לויט די זעלביקע סטאַנדאַרדס.

פראַגן פון עטישע סטאַנדאַרדס זיינען ניט קיין באַדן פאַר וועלכע ס'איז פּראַקטישע אונטערשידן צווישן קאַטאָליקן און קאָמוניסטן. אמת, קאַטאָליקן בכלל ווענדן זיך צו די לערעס און דאָגמעס פון זייער קירך נאָך פאַרמולירונג און באַרעכטיקונג פון עטישע און מאָראַלישע סטאַנדאַרדס, בעת קאָמוניסטן באַזירן זייערע סטאַנדאַרדס אינגאַנצן אויף די באַדערפעניש פון דער געזעלשאַפט; אָבער אין פּראַקטישן לעבן, צווישן די מאַסן, איז עס איינס און דאָס זעלבע — גערעכטיקייט, אמת און יושר'דיקע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש.

פראַגן פון פאַמיליע און סאָציאַלער מאָראַל שאַפן נישט קיין פּראַקטישע צעטיילונג צווישן קאַטאָליקן און קאָמוניסטן, סיידן אין דער זעלביקער מאָס ווי אַזוינע פראַגן טיילן אָפּ קאַטאָליקן פון אַלע ניט־קאַטאָליקן, ווי אין דער פראַגע פון דער סאָציאַלער דערלויבלעכקייט פון גט'ן און אַז. וו. להיפוך דער פאַרלוימדונג, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורך רעאַקציאָנערע פּאָליטישענס אין קאַטוילישע קרייזן, זיינען די קאָמוניסטן שטאַרקע אָנהענגער פון דער פאַמיליע. מיר באַטראַכטן געשלעכטלעכע אוממאָראַלישקייט, אויסגעלאַסנקייט און פאַרדאָרבענקייט ווי שעדלעכע פּראָדוקטן פון שלעכטער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע, און דער וואוקס פון די דאָזיקע איבלען אין אַמעריקע היינט־צו־טאָג — ווי, אין אַ גרויסער מאָס, אַ פּראָדוקט פון דעם קריזיס פון דער קאַפּיטאַליסטישער

סיסטעם, פון דער דעמאָראַליזאַציע צווישן די אויבערשטע קלאַסן, וואָס גרייפט אָן די מאַסן דורך אָנשטעקונג; און מיר באַקעמפן די דאָזיקע איבלען, ווי מיר באַקעמפן אַלע אַנדערע שעדלעכע סאָציאַלע דערשיינונגען.

איז — ווען מיר באַזייטיקן די פראַגן פון רעליגיעזן גלויבן, עטיק און פאַמיליען מאָראַל, וועלכע זיינען געווען און געבליבן די סיבה פון די ברייטסטע מיספאַרשטענדענישן, אַלס פראַגן, איבער וועלכע עס קאָנען צווישן אונז זיין ניט קיין גרעסערע מיינונגס-פאַרשידענהייטן ווי צווישן קאַטאָליקן און ניט-קאַטאָליקן בכלל, — צום ווינציקסטן אויף וויפיל עס האַנדעלט זיך ווען איינשטעלן נאָרמאַלע ברידערלעכע באַציאונגען, וואָס דאַרפן עקזיסטירן צווישן אַלע מיטגלידער פון סאָציאַלע גרופן, בלייבט איבער דאָס גאַנצע פעלד פון פאָליטישע פראַגן, פון פאָליטישע פאַרהעלטענישן און פראָבלעמען. לויט ווי מיר פאַרשטייען די קאַטוילישע לערע — קאַטוילישע אויטאָריטעטן קאָנען אונז קאָרעגירן אויב מיר האָבן אַ טעות — קאָן ניט די קאַטוילישע קירך, ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע, זיין פאַרפליכטעט און צוגעבונדן צו וועלכער ס'איז ספּעציפישער פּאָליטישער פּאַרטיי, צו אַ פּאָליטישער פּראָגראַם און אויך ניט אַפילו צו וועלכער ס'איז ספּעציפישער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סיסטעם. וואָס עס זאָל ניט געווען זיין דער פאַל אין דער פאַרגאַנגענהייט אָדער אין אַנדערע לענדער, — אין אונזער צייט צום ווינציקסטענס און אין אַמעריקע דערלויבט די קאַטוילישע קירך ווי אַזעלכע, ווי אַ רעליגיעזע קערפּערשאַפט, אירע אייגענע מיטגלידער אויסצוקלייבן זייערע פּאָליטישע פאַרבינדונגען ווי פרייע בירגער. מיר ווייסן, פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט איז דאָס ניט געווען אַזוי; אַז די קאַטוילישע יעראַרכיע האָט געקעמפט ווי אַ קערפּערשאַפט, מיט ערנהאַפטע אויסנאַמען, קעגן דעם אויפשטייג פון דער בורזשואַז-דעמאָקראַטישער סיסטעם אונטער'ן קאַפּיטאַליזם און האָט פאַרדאַמט ווי אַ מאָראַלישע זינד אַלע דעמאָקראַטישע פּאָליטישע פאַרבינדונגען; מיר ווייסן, אַז אין געוויסע הינטערשטעליקע און ניט-אַנטוויקלטע לענדער איז דאָס געווען גילטיק אַפילו ביז צו אונזער צייט, ווי אין שפּאַניע, צום ביישפּיל. אָבער אין די פאָרטגעשריטענע לענדער, ווי אין פראַנקרייך און אין אַמעריקע, צום ביישפּיל, פאַרשטייען מיר, אַז דער פרייער פּאָליטישער אויסוואַל מצד קאַטאָליקן צווישן אַלע פּאַרטייען און פּראָגראַמען איז ניט געשטערט געוואָרן דורך אַרויפלייגן וועלכע עס איז דאָקטרינעלע באַשרענקונגען. מיר פאַרשטייען, אַז קיין קאַטאָליק קאָן ניט אָנווערן די טרייסטן פון זיין קירך צוליב זיין פאַרבינדונג מיט דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, מיט דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דער פאַרמער-לעיבאָר פּאַרטיי, דער פּראָגרע-

סיווער פּאַרטיי, דער אַמעריקאַן־לעיבאָר פּאַרטיי אָדער דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. מיר פאַרשטייען, אַז דאָס איז גילטיק אויך בנוגע דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אויב אונזער פאַרשטענדעניש איז ריכטיק, וואָלט עס געווען אַ גע־זעלשאַפטלעכע טובה, ווען די קאַטאָליקן וואָלטן דאָס קלאָר געמאַכט פאַר יעדן איינעם. מיר האָבן געצויגן די דאָזיקע שלוסן דורך שטודירן די „אישוס", ווי זיי זיינען אַנטשטאַנען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פון 1928, ווען אַל סמיט, אַ פּראָמינענטער קאַטאָליק, איז געווען אַ קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט און איז אויסגעשטעלט געוואָרן צו אַ סך ניט־יושר'דיקע און אומ־אַמעריקאַנישע אַטאַקעס צוליב זיינע רעליגיעזע פאַרבינדונגען. אויב מיר האָבן שלעכט אויסגעטייטשט די באַציאונג פון דער קאַטוילישער קירכע צו אַמעריקאַנער פּאָליטיק, בעטן מיר אונזערע קאַטוילישע שכנים, אין דעם פריינטלעכסטן גייסט, אונז צו קאָרעגירן גענוי און רעטאַליזירט אין אַ גייסט פון ברידערשאַפט.

גאָר אַנאַנדער פראַגע איז ווי אַזוי קאַטאָליקן, ווי יחידים אָדער ווי מיטגלידער פון סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, גרופּירן זיך אין פּאָליטישע פראַגן. מיר פאַרשטייען, אַז מערסטע רייכע קאַטאָליקן שטייען אין פּאָ־ליטיק אויף דער זייט פון דער רעאַקציאָנערן לאַגער; מיר זעען, אַז זיי איבן אויס אַ פּאָליטישן איינפלוס צווישן די קירך־דינער אויסער פּראָפּאָרציע צו זייער צאָל, און מיר האָבן געזען אין דער וואַל־קאַמפּאַ־ניע פון 1936 אַ גאַנץ ערנסטן קאָנפליקט פון לאָיאַליטעטן צווישן די קאַטוילישע מאַסן בנוגע רוזוועלטן אויף איין זייט און זייערע נאַציאָ־נאַלע פירער אויף דער אַנדערער. אָבער ווען מיר האָבן געזען ווי די ריזי־קע מערהייט קאַטאָליקן האָט געפּאָלגט איר לאָיאַליטעט צום פּרעזידענט, איז אונזער גלויבן באַשטעטיקט געוואָרן, אַז אין אַמעריקע צום ווינציקסטן אַפּעלירט ניט די קאַטוילישע קירך ווי אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, אַז קאַטאָליקן בלייבן ביי זייער פּאָליטישער פרייהייט פון אויסוואַל. און ווען מיר האָבן געזען, ווי קאַטוילישע אַרבעטער זיינען געווען גאַנץ פריי צו איגנאָרירן דעם דרוק פון אַ סך גלחים, וועלכע האָבן זיי גע־פּרואווט אָפּהאַלטן פון אַריינטרעטן אין די טרעיד יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ., איז אונזער מיינונג אין דעם דאָזיקן פּרט ווייטער באַשטעטיקט געוואָרן.

אַ צאָל קאַטוילישע וואָרט־פירער אַטאַקירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דערפאַר, וואָס זי שטיצט די רעגירונג פון דער רעפּובליקאַנער שפּאַניע קעגן דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד, וואָס אַפּעלירט הויפּטזעכלעך מיט מורישע טרופּן און מיט איטאַליענישע און דייטשישע אַרמייען, וואָס

זיינען אריינגעדרונגען אין לאַנד. זיי זאָגן, אַז די שפּאַנישע רעפּובליק איז אַנטי־קאַטוילִיש און אַז דערמיט, וואָס מיר שטיצן זי, אַטאַקירן מיר די קאַטוילישע קירך און רעליגיע אומעטום. אָבער די שפּאַנישע רעפּוב־ליק איז ניט אַנטי־קאַטוילִיש — דאָס איז נאָך אַ גרעסערער ליגן ווי די מעשה, אַז די שפּאַנישע רעגירונג איז אַ קאָמוניסטישע, ווייל אין דער רעגירונג זיינען דאָ עטלעכע קאָמוניסטן, אָבער קיין אַנטי־קאַטאָליציזם איז דאָרט ניטאָ. די שפּאַנישע קאַטאָליקן האָבן זיך צעטיילט אין דעם קאַמף: די רייכע, און צוזאַמען מיט זיי דער גרעסטער צאָל פון די העכערע גייסטלעכע, זיינען אַריבער צו די פאַשיסטן און האָבן פאַרראַטן זייער לאַנד, בעת די אָרימע זיינען אַוועק מיט דער רעפּובליק. איך ווייס, אַז פראַנקאָ׳ס פּאַרטיידיקער באַהויפּטן, אַז די אָרימע מענטשן אין זיין טעריטאָריע שטיצן אים, איך ווייס אָבער ואויך, אַז ווען דאָס וואָלט זיין אמת, וואָלט ער ניט געפונען פאַר נויטיק צו פאַרקויפן זיין לאַנד צו היטלערן און מוסאָליניִן פאַר דעם פּרייז פון זייערע אַרמייען — די אָרימע מאַסן זיינען שטענדיק גרייט אויסצוקעמפן זייערע אייגענע קאַמפן, און די צאָל אָרימע מענטשן איז אומגעהויער גרויס אין אַלע טיילן פון שפּאַניע. ניין, די קאָמוניסטן זיינען ניט קעגן די קאַטאָליקן אין שפּאַניע. מיר שטיצן די קאַטאָליקן אין שפּאַניע, די גרויסע מערהייט פון זיי, וועלכע זיינען אָרים, קעגן זייערע אומלאָיאַלע פּאַסטוכער און קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס און אונטערדריקער.

געוויסע מענטשן אַטאַקירן די קאָמוניסטן דערפאַר וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, זאָגן זיי, האָבן די קאָמוניסטן פאַרניכטעט די פרייהייט פון די קאַטאָליקן צו דינען גאָט. אָבער די רוימישע קאַטוילישע קירכע האָט אין אַלטן רוסלאַנד קיינמאָל ניט געהאַט קיין פרייהייט אָדער גלייכ־הייט; ואונטער דעם צאַר איז די פּראַוואָסלאַווע קירכע געווען די הער־שענדע קירך און זי איז געווען אַ טייל פון דער צאַרישער מלוכה, אַ דורך־און־דורך קאָרופּטע און רעאַקציאָנערע אינסטיטוציע און אַ פּאָ־ליטישע מאַשין. איך בין זיכער, אַז עס איז פאַראַן אַ גרויסע קאַטוי־לישע ליטעראַטור, וואָס שטאַמט פון די צייטן פאַר 1917, וואו עס ווערט דערקלערט גענוי, וואָס פאַר אַ מאָנסטערהאַפטע קאָרופּטע דערשיינונג די פּראַוואָסלאַווע צאַרישע קירכע איז געווען. בלויז ווי אַ רעזולטאַט פון דער סאָוועטן־מאַכט האָבן די קאַטאָליקן געקראָגן גלייכהייט און פרייהייט פון רעליגיעזער קירך־דינסט אין מאָסקווע. די קאַטאָליקן האָבןווירקלעך ווייניק וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף די רוסישע קאָמוניסטן ווען איך האָב צוריק מיט עטלעכע וואָכן גערעדט אין באַלטימאָר, האָב איך זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, ווען איך האָב דיסקוטירט אָט־די פראַגן, צו קריטיקירן אַ געוויסן בוך „פעקטס עבאוט קאָמיוניזם“

(„פאַקטן וועגן קאָמוניזם“), געשריבן פון רעווערענד עדוואַרד לאַדזש קאַ־
ראַן, פּרעזידענט פון דער „קאַטאָליק טרוטה סאָסייעטי“. איך האָב אָנגע־
וויזן, אַז יענער בוך איז ניט בלויז דורכגעדרונגען מיט פאַלשקייטן, נאָר
אַז ער איז אויך געפערלעך פאַר דער געשלעכטלעכער מאָראַל פון דעם
יונגן דור דורך דעם, וואָס ער פאַרעפנטלעכט אומאַנשטענדיקע שריפטן,
וועלכע זיינען פאַלש צוגעשריבן די קאָמוניסטן. איך האָב געלייענט סאָ־
ציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור סיסטעמאַטיש און פלייסיק
אין דעם משך פון 32 יאָר, און איך דענק, אַז איך מעג זיך אָנגעבן ווי
אַ שטיקל אויטאָריטעט איבער דער דאָזיקער פראַגע; איך האָב אָבער
קיינמאָל, אין אַלע מיינע יאָרן פון לייענען אַזאַ ליטעראַטור, ניט
געפונען קיין זאַך, וואָס זאָל אויף דעם מינדסטן אופן זיין ענלעך צו דעם
אומאַנשטענדיקן דאָקומענט, וואָס פאָטער קאַראַן האָט אויף דעם שענד־
לעכסטן אופן איבערגעדרוקט אין זיין בוך ווי כלומרשט אַ כאַראַקטע־
ריסטישן ביישפּיל פון קאָמוניסטישע אָנשויאונגען איבער געשלעכט־מאָ־
ראַל. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געפונען ענלעך צו אָט־דעם דאָקו־
מענט, זיינען די אויסטראַכטענישן וועגן „נאַציאָנאַליזאַציע פון פרויען“,
וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער הוירסט־פּרעסע און ענלעכע צייַ־
טונגען אין די ערשטע טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און זיינען
פולשטענדיק דיסקרעדיטירט צווישן אַלע אינטעלעקטועל־אָרענטלעכע
מענטשן. די פאַרעפנטלעכונג פון אַזוינע דאָקומענטן, געשטיצט דורך
דער פאַרזיכערונג, אַז מיליאָנען מענטשן גלויבן און פּראַקטיצירן אַזוינע
אומאַנשטענדיקייטן, וועט זיכער טאָן אַ סך מער שאָדן צו דער מאָראַל
פון דער יוגנט, ווי פאָטער קאַראַן קאָן דאָס פאַרריכטן דורך זיין אומ־
דירעקטער פאַרדאַמונג פון די זאַכן, וואָס ער דרוקט. איך צווייפל
ערנסט וועגן דער אנשטענדיקייט פון דיסקוטירן קאָמוניזם אויף אַזאַ
אופן, באַזונדער ווען דאָס טוט אַ גלח. דאָס איז ניט אין די אינטע־
רעסן פון אמת אָדער פון קריסטענטום.

פאָטער קאַראַן האָט מיר געשיקט אַ טעלעגראַמע מיט אַ פּראָטעסט
קעגן די געדרוקטע באַריכטן וועגן מיין רעדע און האָט די טעלעגראַמע
פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען. ער האָט אָבער אין דער טעלעגראַמע
ניט דערמאָנט מיין קריטיק וועגן זיין בוך, ניט ער האָט דעם בוך פאַר־
טיידיקט און ניט ער האָט זיך קאָרעגירט. אויב פאָטער קאַראַן וויל
אָנגיין מיט דעם ענין ווייטער, וועל איך זיין צופרידן פאָרצולייגן זיין
בוך און מיין קריטיק וועגן דעם פאַר אַן אומפּאַרטייאישער דזשורי, וואָס
זאָל באַשטיין פון קירכלייט, אַ העלפט וואָס ער וועט אויסקלייבן און אַ
העלפט וואָס איך וועל אויסקלייבן, און די דזשורי זאָל אַרויסגעבן איר
אורטייל ווער פון אונז איז גערעכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון עפענט־

לעבער און קריסטלעכער מאראל. אויב דער אורטייל וועט זיין קעגן מיר, וועל איך זיך עפנטלעך אנטשולדיקן פאר פאטער קאראן, אויב אבער דער אורטייל וועט זיין אויף מיין זייט, וועל איך דערוואַרטן אַז ענלעכע עפנט־לעכע אנטשולדיקונג פון אים. אויב ער וועט ניט אננעמען דעם אנבאט, וועל איך דערפון ציען דעם שלוס, אַז ער באַזיצט מער פאַרזיכט ווי מוט און אַז ער אנערקענט מיין קריטיק שוין דערמיט אַליין, וואָס ער באַ־שטרייט זי נישט.

ווען איך פאַרפאָלג די דאָזיקע פראַגע, בין איך דערמיט אויסן בלויז צו באַזייטיקן דעם עלעמענט פון ליגן און ביטערניש פון אַלע דיס־קוסיעס צווישן קאַטאָליקן און קאָמוניסטן און דערהויבן אַזוינע דיס־קוסיעס צו דער שטופע פון יענער קריסטלעכער ברידערלעכקייט און גנאד, וואָס מיר, די ניט־רעליגיעזע, שאַצן אָפּ ווי סאָציאַלע טוגענטן.

אַ סך קאַטאָליקן האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דער אַנטי־קאָ־מוניסטישער העצע קאַמפּאַניע, אַז מיר זיינען ניט־אַמעריקאַניש דערפאַר, וואָס מיר זיינען פאַרבונדן מיט די קאָמוניסטן פון אַנדערע לענדער. אַזאַ מין אַרגומענט וועט ניט האָבן קיין סך וואָג צווישן קאַטאָליקן, וועלכע זיינען שטאַרק צוגעוואוינט צו טראַכטן וועגן זיך אַליין ווי וועגן מיט־גלידער פון אַ געמיינדע, וואָס שפּרייזט אַריבער אַלע נאַציאָנאַלע גרע־ניצן און וואָס האַלטן זיך צו דער זעלביקער צייט פאַר פונקט אַזוינע גוטע אַמעריקאַנער, ווי יעדער עס ניט איז. עס איז אָבער צום באַדויערן, וואָס געוויסע קאַטוילישע גייסטליכע פּראַווען זיך באַנוצן מיט אָט־דעם צוויי שפּיציקן געווער קעגן די קאָמוניסטן, פאַרגעסנדיק ווי געפערלעך דאָס איז פאַר דער קאַטוילישער געמיינדע אין אַמעריקע, אַזוי גוט וויפאַר דעם געזונט פון אונזער עפנטלעכן לעבן בכלל. מיר אין אַמעריקע האָבן זיכער געהאַט גענוג פון דער „עי. פּי. עי.“ פון „נא־נאַטהיזם“ פון דעם קו קלוקס קלען און די אַלע אַנדערע אידעאָלאָגיעס פון פינצ־טערלינגען, וואָס האָבן אויפגערייצט פּראָטעסטאַנטן קעגן קאַטאָליקן, קריסטן קעגן אידן, ווייסע קעגן נעגערן, נאַציאָנאַליטעט קעגן נאַציאָנאַלי־טעט און ראַסע קעגן ראַסע. מיר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי קעמפן קעגן יעדן אויסדרוק פון אַזוינע רעאַקציאָנערע און אַנטי־סאָציאַלע אי־דעאָלאָגיעס, וואָס די קאַטאָליקן האָבן צום שווערסטן געליטן פון זיי אין אַמעריקע, און מיר באָטן אָן אונזער קאָאָפּעראַציע די קאַטאָליקן אויס־צוראָטן אָט־די אידעאָלאָגיעס, וואו נאָר זיי באַווייזן זיך.

פאַשיסטישע רעאַקציע איז דער איינציגער לאַגער, וואָס געווינט פון דער פאַרשפּרייטונג פון אָט־די פינצטערלינג־אידעאָלאָגיעס. קאַטאָליקן, וואָס זייערע הערצער בלוטיקן פאַר זייערע ברידער אין נאַצי־דייטשלאַנד

און עסטרייך, דאַרפן געדענקען, אַז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אויף דער כוואַליע פון דעם זעלביקן „קרייץ־צוג געגן קאָמוניזם", וואָס זיי שטיצן אָדער דולדן אַזוי גרינג אין אַמעריקע.

פאַשיזם איז אַ געפאַר ניט בלויז פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג און די קאָמוניסטן. דאָס איז אַ געפאַר פאַר אַלצדינג, וואָס איז פּראָגרעסיוו און אַנשטענדיק אין מענטשלעכן לעבן. דער פאַשיזם דראָעט צו פאַרניכטן די פרייהייט פון רעליגיע און קירכע, — קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע און אידישע. אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ שרעקליכער געפאַר, וואָס הענגט איבער אַמעריקע אַזוי גוט ווי איבער אייראָפּע, וואָלטן מיר גע־ווים געדאַרפט זיך אויפהויבן איבער אונזערע מיינונגס־פאַרשידנהייטן און זיך דערלאַנגען די הענט צוליב אונזער געמיינשאַפטלעכער רעטונג, פּונקט ווי מיר וואָלטן געטאָן אין באַשיצן זיך פון אַ שרעקליכער נאַטור קאַטאַסטראָפע.

יעדער וואָרט, וואָס איך אַדרעסיר צו די קאַטאָליקן, גילט מער אָדער ווייניקער פאַר אַלע אַנדערע רעליגיעזע געמיינדעס אין אַמעריקע. מיר זיינען טויט ערנסט, ווען מיר רעדן אַרויס די דאָזיקע ווערטער, מיט דעם פולן באַוואוסטזיין פון אונזער פאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער שעה פון דעם טיפסטן קריזיס, וואָס די וועלט האָט ווען דורכגעמאַכט. מיר שטרעקן אויס די האַנט פון ברידערליכער קאָאָפּעראַציע צו דער גרויסער מאַסע דעמאָקראַטישע קאַטאָליקן.

## 5. בויען די קאָמוניסטישע מאַסן־פּאַרטיי

די פּראָבלעמען, וואָס די דאָזיקע קאָנווענשאָן באַטראַכט, זיינען די פּראָבלעמען פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער אַרבעטער קלאַס און פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק. די אויפגאַבן, וואָס מיר באַהאַנדלען, זיינען ריזיק. דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פאַר דער דורכפירונג פון די דאָזיקע אויפגאַבן, דער אינסטרומענט, וואָס אָן אים קענען מיר ניט מאַכן אַפילו דעם קלענסטן אָנהויב, איז אונזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אָבער אונזער פּאַרטיי, ניט געקוקט אויף איר פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן וואוקס, איז נאָך אַלץ ווייט פון גענוג גרויס אָדער שטאַרק פאַר די היס־טאָרישע אויפגאַבן, וועלכע שטייען פאַר אונז.

מיר האָבן אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט אויפגעוואַכט צום באַ־וואוסטזיין און וואַקסט אין אָרגאַניזאַציע און דערפאַרונג. מיר האָבן אַ סיטואַציע פון פאַרשאַרפטע קלאַסן־באַציאונגען און קלאַסן־קאַמף. מיר זיינען די עדות פון אַ שנעלער אויסשפּרייטונג פון דעם איינפלוס פון

אונזער פּאַרטיי צווישן די מאַסן. מיר האָבן לעצטנס אויסגעפּרובירט אונזער רעקרוטירונגס־קראַפט אין אַ ספּעציעלער קאַמפּאַניע און האָבן אין דעם משך פון עטלעכע חדשים פאַרגרעסערט אונזער מיטגלידערשאַפט אויף 50 פּראָצענט. מיר האָבן, מיט דער הילף פון אונזערע פריינט און פאַרבינדעטע, געגרינדעט צוויי נייע טעגלעכע צייטונגען אין דער ענג־לישער שפּראַך, ווי אונזער ספּעציעלן בייטראַג צו דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון פּאַרטיי־בויער אין פעברואר האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אוצר נייע אַקטיווע טוער און פירער מיט גרויסע פעיאיקייטן. די אַלע זאַכן באַווייזן, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר אונטערשאַצט אונזערע רעסורסן און די מעגלעכקייטן, וואָס זיי שאַפן פאַר דעם אויפבוי פון אַן אמת'ער מאַסן־פּאַרטיי.

עס וועט אפשר ווערט זיין אָנצוצייכענען אַ הינטערגרונט פאַר דער דאָזיקער פראַגע דורך אַן איבערבליק איבער די וויכטיקע ציפערן פון דעם וואוקס פון אונזער פּאַרטיי. לאָמיר אַ קוק טאָן אויף די ציפערן פון דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אין 1929, דעם ערשטן יאָר פון קריי־זיס, אויף די ציפערן פון דער אַכטער און ניינטער קאָנווענשאָן, און פון דער איצטיקער צענטער קאָנווענשאָן.

אין 1929 האָבן מיר געהאַט אַרום 7,500 מיטגלידער; די יאָנג קאָמוניסט ליג האָט געהאַט אַרום 2,500; צוזאַמען — אַרום 10,000 מיטגלידער.

צו דער אַכטער קאָנווענשאָן אין 1934 האָבן מיר געהאַט אומגעפער 25,000 מיטגלידער; די יאָנג קאָמוניסט ליג — אַרום 5,000; צוזאַמען אַרום 30,000 מיטגלידער.

אויף דער ניינטער קאָנווענשאָן אין 1936 האָבן מיר געהאַט אומ־געפער 40,000 מיטגלידער, די יאָנג קאָמוניסט ליג האָט געהאַט עטוואָס איבער 10,000; צוזאַמען אַרום 50,000.

היינט־צו־טאָג, צו דער צענטער קאָנווענשאָן האָבן מיר אומגעפער 75,000 מיטגלידער, די יאָנג קאָמוניסט ליג עטוואָס איבער 20,000; צוזאַמען האָבן מיר העכער 95,000 מיטגלידער.

די דאָזיקע ציפערן זאָגן עדות וועגן אַ געזונטן וואוקס, אַ לעבנס קראַפט, אַ וועזנטלעכן פאָרטשריט. איך בין זיכער, אַז מיר זיינען אַלע גליקלעך און שטאָלץ מיט אונזער פּאַרטיי. אָבער דאָס ערגסטע, וואָס קאָן מיט אונז פּאַסירן, איז אַז מיר זאָלן זיך נאָכגעבן צו אַ שטימונג פון זעלבסט־צופרידענהייט.

מיר מוזן קוקן אין פנים אריין דעם פאקט, אז דער איצטיקער טעמפּא פון דעם פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנאַלן וואוקס פון אונזער פּאַרטיי איז נאָך אַלץ ווייט צו לאַנגזאַם, אויב מיר דערוואַרטן צו באַגעגענען די באַדערפעניש פון דעם אַרבעטער־קלאַס, צו שפּילן אונזער געהעריקע ראָל אין לייזן די פּראָבלעמען פון אַמעריקע און די היסטאָרישע אויפגאַבן, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען.

די געשיכטע לויפט פאָראויס מיט דער שנעלקייט און אימפּעט פון דעם אָטאָמאָביל, דעם עראָפּלאַן, דעם ראַדיאָ. די כחות פון רעאַקציע פאַרזאַמלען זיך פאַר אַן אַטאַקע מיט דער גאַנצער שנעלקייט פון מאָדערנער טעכניק. דער צייט־עלעמענט איז איצט אַנטשיידענדיק. מיר זיינען פאַרטאָן אין אַ געוועט־לויף מיט דער צייט.

אָט אין דעם זין מוזן מיר צוגיין צו אַלע פּראָבלעמען פון פּאַרטיי־אויפבוי. מיר מוזן פולשטענדיק אָפּוואַרפן אַלע אַלטע סטאַנדאַרדס, וואָס האָבן געהאַט זייער אורשפּרונג אין די טעג פון קליינע גרופּן, די טעג פון „האַנט ווערקעריי" און אומגעשיקטקייט אויף דעם געביט פון פּאַרטיי־בויאונג. מיר מוזן עטאַבלירן נייע סטאַנדאַרדס, עפענען נייע האָריזאָנטן. מיר מוזן אַרומכאַפּן מיליאָנען אינ'ם פאַרנעם פון אונזער אַרבעט און דאָס מיינט, אַז מיר מוזן שנעל אַרומכאַפּן הונדערטער טויזנטער אינם פאַרנעם פון אונזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אונזער ענערגיע און אויפמערקזאַמקייט מוז קאָנצענטרירט ווערן אויף דער פּאָליטישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנסאָלידירונג און קרעפטיקונג פון אונזער פּאַרטיי. דאָס איז אַן אָרגאַנישער און פונדאַמענטאַלער טייל פון דער אויפגאַב פון בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, פון באַזיגן די רעאַקציע, פון פאַרוואַנדלען אונזער לאַנד אין אַ פעסטונג פון דעמאָקראַטיע און פרידן.

## פאַרגרעסערן די פּאַרטיי מיטגלידערשאַפט

די ספּעציעלע רעקרוטיר־קאָמפּאַניע האָט געהאַט דעם צוועק ניט בלויז אריינצוברענגען אַ געוויסע צאָל נייע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי, נאָר אויך, און באַזונדערס, ארויסצוברענגען אונזער ניט־באַנוצטע פּאָטענציעלע מעגלעכקייט צו רעקרוטירן און צו פאַרוואַנדלען די רעקרוטירונג אין אַ שטענדיקן פּראָצעס און טעטיקייט, וואָס זאָל זיין ניט צום אָפּטיילן פון יעדער פאַזע פון אונזער מאַסן־אַרבעט. מיר דערקלערן ניט קיין נייע רעקרוטירונג „קאָמפּאַניע", ווייל מיר ווילן, אַז דאָס זאָל זיין אַ שטענדיקע טעטיקייט און ניט קיין „קאַמפּאַניע".

מיר טרעטן אריין אין אַ נאַציאָנאַלער וואַל־קאַמפּאַניע. דאָס מוז צו דער זעלבער צייט זיין אַ רעקרוטירונג־קאָמפּאַניע פון אָנהויב ביז'ן

סוף. זי מוז אויסגעשפרייט ווערן דורך די גרויסע ואינדוסטריעלע צענ־טערס און פון דאָרטן צו די קלענערע שטעט און שטעטלעך און אין די דאָרפישע געגנטן; און אומעטום, וואו עס גייט אָן די קאַמפּאַניע, מוזן פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס געשאַפן און געשטאַרקט ווערן.

דער צוועק פון רעקרוטירונג דאַרף זיין ניט בלויז די צאָל נאָר הויפּטזעכלעך די קוואַליטעט פון די מיטגלידער. מיר דאַרפן זיך באַמיען אריינצוברענגען אין דער פּאַרטיי די בעסטע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, די וואָס שטייען צום נאָענטסטן צו די מאַסן און האָבן זייער גרעסטע מאָס צוטרוי, די פייאיקסטע, די איבערגעגעבנסטע, און ענער־גישסטע, — די וואָס זיינען צום מערסטן אויסגעפּרובירט אין די פּראַק־טישע קאַמפן פון בויען די מאַסן־באַוועגונג. ספּעציעלע אויפמערקזאַמ־קייט פאָדערט זיך צו רעקרוטירן צווישן די אַרבעטער פון די גרונט־אינדוסטריען און די אינדוסטריען פון מאַסן־פּראָדוקציע. בעת מען טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקן אויף קיין אופן די וויכטיקע אויפגאַב פון פאַר־שטאַרקן די פּאַרטיי צווישן אַלע אַרבעטער, צווישן די „ווייסע קאָלנער“ און פּראָפעסיאָנעלע גרופּן און די שטאָטישע מיטל־קלאַס עלעמענטן, מוז אָבער די פּאַרטיי שטענדיק און אומעטום האַלטן אין צענטער פון איר אויפמערקזאַמקייט די אַרבעטער פון די וויכטיקסטע אינדוסטריען.

מערסטע פון אונזערע סטעיט אָרגאַניזאַציעס זיינען באַזונדערס שוואַך צווישן די פּאַרמערס. אָבער די אַגריקולטורעלע באַפעלקערונג שפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין יעדן סטעיט אָן אויסנאַם. אויף דער דאָזי־קער צענטער קאָנווענשאָן באַשטייען מיר דערויף, אַז יעדע סטעיט קאָ־מיטע זאָל אויפנעמען אויף אַ סיסטעמאַטישן און אויסגעהאַלטענעם אופן די אַרבעט פון רעקרוטירן מיטגלידער צווישן די פאַרמער און אויף אַן אויסגעהאַלטענעם אופן ריכטן זייערע פּאָליטישע טעטיקייטן, אריינציען די פאַרמער אין אַלע ענגערע באַציאונגען מיט די אַרבעטער אין דעם גאַנצן דעמאָקראַטישן פראָנט.

רעקרוטיר־טעטיקייטן מוזן פאַרבונדן ווערן ניט בלויז מיט די טעג־לעכע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, נאָר זיי מוזן אויך באַגלייט ווערן דורך בילדן און טרענירן די נייע מיטגלידער, זיי צופּאַסן פּערמאַנענט צום פּאַרטיי לעבן, זיי אריינציען אין פּאַרטיי־אַרבעט און ניט איבערלאָזן זיי מיט שווערע און ניט־צוגעפּאַסטע אויפגאַבן.

די פולשטענדיקע פאַנאַנדערוויקלונג פון אינערלעכער פּאַרטיי דע־מאָקראַטיע און איר פּאָליטישע באַרייכערונג דורך ענגער פאַרבינדונג מיט מאַסן־אַרבעט און סיסטעמאַטישער בילדונג, מיט דער אָנווענדונג פון אַמעריקאַנער מעטאָדן פון אַרבעט, מיט וועלכע די מאַסן זיינען צום

מערסטן באַקאַנט, — דאָס זיינען די פאַרבאַדינגונגען פאַר אָנהאַלטן אונזערע רעקרוטן און ניט פאַרלירן קיין נייע מיטגלידער, וועלכע פאַלן אַרויס, ווען זיי געפינען ניט זייער געהעריקן פּלאַץ אין דער פּאַרטיי.

## פאַר אַ העכערער קוואַליטעט פון אַרבעט

כסדר'דיקע פאַרבעסערונג אין דער פּאָליטישער ווירקזאַמקייט פון אונזער אַרבעט, כסדר שטייגענדיקע קוואַליטעט ווערט געפאָדערט דורך דעם וואוקס פון אונזער פּאַרטיי און איר פאַרוואַנדלונג אין אַן אמת'ער מאַסן פּאַרטיי, וואָס קאָן באַאיינפלוסן מיליאָנען. דער שליסל צו פאָרטשריט אויף אַלע געביטן איז די שטענדיקע פאַרבעסערונג אין דער קוואַליטעט פון אונזער אַרבעט.

מיר לערנען זיך אויס, אָבער מיר מוזן לערנען בעסער און שנעלער, צו אָרגאַניזירן און אויסשפּרייטן די זעלבשטענדיקע מאַסן־אַגיטאַציע פון דער פּאַרטיי צוזאַמען מיט דער טיפערער בילדונג פון די מאַסן דורך באַקענען זיי מיט דער לערע פון אונזערע גרויסע וועגווייזער — מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין.

מיר האָבן אָנגעהויבן ערנסט פּאָפּולאַריזירן צווישן די מאַסן אונזער רייכע ירושה פון די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, פאַרבינדענדיג זיי פונדאַמענטאַל מיט אונזער גאַנצער פּאַרטיי פּראָגראַם. מיט האָבן אָנגהויבן איינצוטאָן אמת'ע לעבנס־קראַפט אין אונזער לאָזונג: „קאָמוניזם איז אַמעריקאַניזם פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.“ מיר מוזן אָבער באַטאָנען, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהויב, אַז עס בלייבט נאָך אַלץ צו טאָן אַ מאַסע אַרבעט, אַז די גאַנצע באַוועגונג מוז דורכגעדרונגען ווערן מיט דעם דאָזיקן לאָזונג, אַז פון אויבן ביז אַראָפּ מוז אונזער פּאַרטיי ניט בלויז ווידערהאָלן דעם לאָזונג, נאָר אָפּשפּיגלען זיין גייסט אין יעדן וואָרט און טאַט. מיר מוזן ניט בלויז פּרעטענדירן, נאָר מיר מוזן באַווייזן, אַז מיר זיינען ווערט צו זיין די בעסטע פאַרטרעטער סיי פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם און סיי פון אַמעריקאַניזם.

מיר האָבן געמאַכט פאָרטשריט אויפ'ן געביט פון דעמאַסקירן דעם אמת'ן כאַראַקטער פון די טראָצקיסטיש־לאָווסטאָניסטישע גרופּן, ווי אַגענטן פון רעאַקציע און פאַשיזם, אויף דעם גרונד פון זייערע טעטיקייטן אין אויסלאַנד אַזוי גוט ווי אין אַמעריקע. אָבער אַ סך מער דאַרף געטאָן ווערן, כדי פולשטענדיק צו איזאָלירן זיי און פאַרניכטן זייער צעשטערנדן איינפלוס אין אַלע אַרבעטער און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. וואַכזאַמקייט אויף צו אויפדעקן יעדן סימן פון זייער איינפלוס איז נוי־

טיק, און ס'איז נויטיק צו קאָנען דעמאַסקירן זיי ווי געהעריק, אויפדעקן דעם אמת'ן כאַראַקטער פֿון זייער איינפֿלוס ווי שפּאַלטער און צעשטערער און עקשנות'דיק דערפֿירן יעדן אזוינעם קאַמף ביז צו אַ גאַנצן שלום.

עס איז ניט גענוג צו ווידערהאָלן, וואָס דאָס איז אַבסאָלוט אמת, אַז טראָצקיזם און לאָוועסטאָניזם זיינען אַגענטורן פֿון פֿאַשיזם. עס איז נויטיק צו אַנטדעקן און דעמאַסקירן די דאָזיקע אַגענטן פֿון פֿאַשיזם אין דער טעגלעכער אַרבעט און קאַמף פֿאַר דעם דעמאָקראַטישן פֿראָנט און פֿאַר בויען די פּאַרטיי. דער וואָס ווידערהאָלט בלויז די פֿאָרמולע, נאָר ווענדט ניט אָן קיין וואַכזאַמקייט אין אַנטדעקן און דעמאַסקירן דעם שונא, באַשיצט ניט די אינטערעסן פֿון די מאַסן, די אינטערעסן פֿון זייערע אָרגאַניזאַציעס, די אינטערעסן פֿון דער פּאַרטיי.

איינער פֿון די מעטאָדן, וואָס דער לאָוועסטאָניזם און טראָצקיזם ווענדן אָן אין זייער פּאַרזוך אַריינצודרינגען אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַריינגערעכנט אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, איז דער מעטאָד פֿון מאַסקע און קאָמופֿלאַזש. די דאָזיקע אַגענטן פֿון שונא פּאַראַדירן ניט געוויינטלעך ווי טראָצקיסטן און לאָוועסטאָניסטן. פֿאַרקערט, זיי פּרוּוון באַהאַלטן זייער אמת'ן פּנים דורך אַלערליי קונצן. זיי פּרעטענדירן און מאַכן אָנשטעלן. זיי פּרוּוון סטימולירן זייער צעשטערערישע אַרבעט פֿון הינטן אַרום. זיי ליגן איינגעלייגט אַ שטיק צייט און וואַרטן אויף דער געלעגנהייט צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ ווען דאָס וועט, לויט דער מיינונג פֿון זייערע פֿאַשיסטישע הערן, האָבן די גרעסטע ווירקונג.

דער מעטאָד פֿון אַרבעט, וואָס עס ווענדן אָן די טראָצקיסטיש־לאָוועסטאָניסטישע צעשטערער איז שוין לאַנג באַשריבן געוואָרן אין די ווערטער פֿון דעם קלאַסישן קופּלעט:

פֿאַרדאַם מיט קנאַפּן לויב, שטים איין מיט העפֿלעכן שפּאָט
צו מאַכן שפּעטן אַנדערע — דאָס איז דיין געבאָט.

מיר וואָלטן געווען שולדיק אין דער גרעסטער מאָס נאַכלעסיקייט, קרימינעלער נאַכלעסיקייט, ווען מיר זאָלן איגנאָרירן די אַלע זאַכן, ספּעציעל נאָך די אַלע דערפֿאַרונגען, וואָס די אַרבעטער און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען האָבן שוין געהאַט מיט די צעשטערערישע מאַכינאַציעס פֿון די טראָצקיסטן און לאָוועסטאָניסטן, נאָך די אַלע דערפֿאַרונגען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, שפּאַניע, פֿראַנקרייך און מעקסיקאָ.

מען טאָר ניט דערלויבן, אַז וואַכזאַמקייט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראָזע, הינטער וועלכער דער שונא גופא זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן. עס מוז ווערן אַן איינגעגלידערטע באַציאונג, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין דער פּראַקטיק, — אין דער פּראַקטיק פון דערקענען און דעמאַסקירן די טראָצקיסטיש־לאָוועסטאָניסטישע שונאים דורך אַלע זייערע אָנשטעלן און מאַסקעס, דעמאַסקירן זיי פאַר די מאַסן און אַזוי אַרום פאַרשנעלערן די קאָנסאָלידאַציע פון די דעמאָקראַטישע כחות געגן דער אָפּענסיווע פון רעאַקציע און פאַשיזם.

מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן צו זיין מילד און זאָרגלאָז אויף דעם דאָזיקן געביט, ווייל דורך דעם קאָנען די מאַסן און זייערע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען ליידן ערנסטע פאַרלוסטן. און די ערשטע באַדינגונג פאַר אַן ערנסטן קאַמף קעגן טראָצקיזם און לאָוועסטאָניזם מצד יעדן פּאַרטיי מיטגליד איז מיט'ן גאַנצן האַרצן אָנצואווענדן די פּאַרטיי ליניע און אין דעם לעבן און קאַמף פון די מאַסן, טאָן גוטע און דערפאָלגרייכע אַרבעט אין די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פון די מאַסן, געווינען דעם צוטרוי פון די מאַסן און בויען די פּאַרטיי.

מאַסן־צירקולאַציע פון אונזערע צייטונגען, זשורנאַלן, פּאַמפּלעטן און ביכער איז די אומפּערלערהאַפטע מאָס אויף צו מעסטן די קאָנסאָלידאַציע פון אונזער וואַקסנדיקן מאַסן־איינפלוס. ניט געקוקט אויף געוויסע פאַרבעסערונגען, באַזונדער אין דער גרינדונג פון צוויי נייע טעגליכע צייטונגען, אין דעם כסד'דיקן וואוקס פון פּאַמפּלעטן־צירקולאַציע, אין דער פאַרגרעסערטער צירקולאַציע פון דעם „קאָמוניסט“ און „קאָמוניסט אינטערנעשאָנאַל“, בלייבט עס דאָך אַ פאַקט, אַז די מאַס־צירקולאַציע פון דעם געדרוקטן וואָרט איז היבש הינטערשטעליק לגבי דער שטייגענדער ראָל און איינפלוס פון אונזער פּאַרטיי. דאָס איז איינער פון די שוואַכסטע סעקטאָרס אויף דעם פראָנט פון פּאַרטיי־אַרבעט. די שוואַכקייט מוז אויסגעבעסערט ווערן, כדי מיר זאָלן קאָנען גיין כסדר פאָראויס.

שטענדיקע אויפמערקזאַמקייט מוז געשיינקט ווערן דער פאַרבעסערונג פון דעם אינהאַלט פון דער פּאַרטיי־פּרעסע, באַזונדער איצט, ביי דער ערנסטער אויסשפּרייטונג פון איר צירקולאַציע. דאָס איז אַ באַזונדער שאַרפע פּראָבלעם פאַר דער פּרעסע פון די נאַציאָנאַלע גרופּן, אַזוי גוט ווי פאַר זייער אַרבעט אין אַלגעמיין, וועלכע האָט ביז איצט געקראָגן ווייט צו ווייניק אויפמערקזאַמקייט.

מיר זיינען אָבער הינטערשטעליק ביז אַן אַלאַרמירנדיקער שטופע גראַד אין דער צירקולאַציע פון אונזערע וויכטיקסטע צייטונגען. דער

„דעילי וואָרקער", „סאַנדעי וואָרקער", דעילי רעקאָרד" און „פּיפּלס וואָרלד" זיינען שוין א געוויסע צייט ניט געקוקט אויף אַלע נויטיקע פאַרבעסערונגען, צו באַרעכטיקן צען מאָל אזא גרויסע צירקור־לאַציע, ווי זיי האָבן איצט. עס זיינען פאַראַן אַלע באַדינגונגען, וואָס באַרעכטיקן אונז צו פאָדערן פון יעדער סטעיט אָרגאַניזאַציע די שנעלע אויסברייטערונג פון דער צירקולאַציע פון די דאָזיקע צייטונגען. דאָס וועט ניט קומען פון זיך אַליין. דאָס מוז אָרגאַניזירט און דערגרייכט ווערן. דאָס מוזן דערגרייכן אונזערע פּאַרטיי אָרגאַניזאַציעס. א ווירק־לעכע מאַסן־צירקולאַציע איז דער אומבאַדינגט־נויטיקער אינסטרומענט אויף צו פאַרווירקלעכן אונזערע באַלדיקע צילן, אַזוי גוט ווי די היסטאָ־רישע אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג.

## פירערשאַפט — אויסוואַל, דערהויבונג, דערציאונג און קאָנטראָל

די ווירקזאַמקייט פון דער פּאָליסי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי הענגט אָפּ אין דעם פירענדן פּערסאָנאַל, וואָס דאַרף זי איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון לעבן. אונזער פּאָליסי קאָן קיינמאָל נישט שטייגן העכער, ווי די פּאָליטישע שטופע פון די פירנדע פּאַרטיי־קאָמיטעטס. אונזער רעזאָלוציע ברענגט דעריבער זייער עמפאַטיש „פאַר דעם צענטראַל קאָ־מיטעט און דער גאַנצער פּאַרטיי די פּראָבלעם פון אויסקלייבן, דערהויבן, דערציען און פּאַרזיכטיק דורכקאָנטראָלירן דעם פירענדן פּערסאָנאַל פון דער גאַנצער פּאַרטיי".

חבר דימיטראָוו האָט אונז געגעבן פונדאַמענטאַלע אָנווייזונגען בנוגע דעם אויסוואַל פון פירענדן פּערסאָנאַל אויף דעם זיבעטן קאָנ־גרעס, וועלכע מיר דאַרפן דאָ נאָכאַמאָל ווידערהאָלן. ער האָט אָנגעגעבן פיר סטאַנדאַרדס, וועלכע זאָלן אָנגעווענדט ווערן אין דעם אויסוואַהל פון פירער, פון די מענטשן, וואָס מוזן אויף זיך נעמען די הויפּט־פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דער דעטאַליזירטער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס. די פיר סטאַנדאַרדס זיינען:

1. אַבסאָלוטע איבערגעבנהייט צו דעם אַרבעטער־קלאַס, לאָיאַלי־טעט צו דער פּאַרטיי, וואָס איז אויסגעפּרובירט געוואָרן אין קאַמף און אונטער דעם שונא'ס פאַרפאָלגונג.

2. ענגסטער קאָנטאַקט מיט די מאַסן, צוזאַמען מיט דער באַ־שיידענקייט פון אַלע אמת'ע מאַסן־פירער, ווייל בלויז דאַמאָלט קאָן די פּאַרטיי אָנגענומען איינעם פאַר א פירער, ווען די מאַסן נעמען אים אָן פאַר א פירער.

3. די פייאיקייט אנצונעמען באשלוסן, צו געפינען דעם ריכטיקן וועג אויף א זעלבסטשטענדיקן אופן, צו נעמען אויף זיך פאראנטווארטלעכקייט און ארויסווייזן איניציאטיוו.

4. דיסציפלין און פעסטקייט אין דעם קאמף קעגן דעם קלאסן־שונא, אזוי גוט ווי קעגן אלע אפנויגן פון דער פארטיי־ליניע; באוואָרנטקייט פון פאניק־שטימונגען און פעסימיזם, די פייאיקייט צו ארבעטן קאָלעקטיוו און פארשמעלצט די פארטיי־כחות אין אן איינהייטלעכער קערפערשאפט.

אין די דאָזיקע פיר פונדאמענטאלע סטאנדארדס פאר דעם אויסוואל פון פירערשאפט וועט איר באמערקן, אז עס ווערט ניט געפאָדערט קיין בריליאנטענע פייאיקייט פון דעם איינצעלנעם פירער און קיין טעכנישע קוואליפיקאציע, ווי די פייאיקייט גוט צו שרייבן און ריידן. דאָס איז דערפאר ווייל אָן אָט־די פיר פונדאמענטאלע קוואליפיקאציעס, קאָנען אלע אינדיווידועלע פייאיקייטן פארוואנדלט ווערן אין געפארן און חסרונות, אָבער ווען עס זיינען פאראן אָט־די פיר כאראקטער־שטריכן, קאָנען אלע נויטיקע טעכנישע פייאיקייטן אנטוויקלט ווערן דורך אָנווייזונג און בילדונג.

די דערהויבונג פון פירענדע פערזאָנען, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן באזיס, דארף זיין פאָרזיכטיק צוגעפאסט צו דער שטופע פון רייפקייט פון אָט־די פיר כאראקטער־שטריכן און צו דער פראקטישער דערפארונג אין אָנווענדן זיי, אזוי גוט ווי צו אלע טעכנישע פייאיקייטן, וואָס זיינען נויטיק אויף צו מאכן אָט־די קוואליפיקאציעס ווירקזאם. אויף דעם באזיס פון אזא פאָרזיכטיקער באטראכטונג, דארפן מיר איצטער האָבן א פאליסי פון דרייסטער דערהויבן נייע און פרישע פירענדע מענטשן אין אונזער פארטיי.

מיר האָבן בדעה צו פארוואנדלען די אויסבילדונג פון אונזערע פירענדע מענטשן, זייער מארקסיסטיש־לעניניסטישע טרענירונג אין א צענטראלער אויפגאבע פון דער גאנצער פארטיי. דאָס דארף ניט באשרענקט ווערן אויף מיטגלידער פון צענטראל־קאָמיטעט און די סטעיט־פירער, נאָר דאָס מוז אויסגעשפרייט ווערן אויף א ברייטן נייעם קרייז פירער פאר די סטעיטס און סעקשאָנס און פאר פארטיי־פירער אין די מאסן־אָרגאניזאציעס, טרעיד־יוניאָנס, פרידן, יוגנט, נעגערן, פארם, קולטורעלע, פרויען, רעליגיעזע, נאציאָנאלע גרופן און אנדערע אָרגאניזאציעס.

די קאנאלן פאר אזא בילדונג און טרענירונג זיינען פארשידן. מיר

דארפן אויסברייטערן און פארבעסערן אונזער סיסטעם פון סקולס, אנהויבנדיק פון דער „נעשאנעל טרעינינג סקול“, — וועלכע האט נאר וואס פארענדיקט איר צווייטן פול־צייטיקן קורס פון זעקס חדשים פאר זעכציק סטודענטן — דורך די סטעיט טרעינינג סקולס ביז צו די לאקאלע וואך־ענד און נאכט־סקולס פאר פירענדע מעמבערס, און די ווארקערס סקולס, וואס זיינען אפן פאר אלעמען. מיר מוזן אנטוויקלען און ארויסגעבן אונזערע אייגענע אמעריקאנער לערן־ביכער פאר די דאזיקע סקולס. מיר מוזן העכערן די סטאנדארדס פון די למודים און אונטערריכט.

אויף א ברייטערן מאסשטאב קאן די דאזיקע ארבעט דורכגעפירט ווערן דורך ספעציעלע און פעריאדישע קאנפערענצן פון פירנדע מעמבערס, כדי צו דיסקוטירן ספעציעלע פראבלעמען און געביטן פון ארבעט. אזוינע קאנפערענצן דארפן פארזיכטיק צוגעגרייט און געפירט ווערן דורך די נאציאנאלע, סטעיט און לאקאלע פירענדע קאמיטעס. יעדער מיטגלידער־שאפט מיטינג און קאמיטע־זיצונג דארף געפלאנט ווערן אזוי, אז עס זאל אריינגעבראכט ווערן א געוויסער עלעמענט פון פאליטישער בילדונג.

צולעצט—סיסטעמאטישע זעלבסט־בילדונג מוז ווערן א געוואוינהייט צווישן אלע פירענדע מעמבערס אין אונזער פארטיי. יעדער באזונדער דארף לייענען און שטודירן אויף א פלאנמעסיקן אופן און דערגאנצן דאס דורך אינדיווידועלע קאנסולטאציעס און הילף צווישן די קאלעגן, דאס איז די אוניווערסאלע פארם פון בילדונג, וואס מיר דארפן איינפירן אומעטום אין אונזער פארטיי. די פונדאמענטאלע ווערק פון מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין דארפן אונז ווערן אלעמען באקאנט, דארפן ווערן אזוי נויטיק אין אונזער טעגלעכן לעבן ווי די לופט, וואס מיר אטעמען. מיר דארפן באהערשן די שריפטן פון די גרינדער פון דער אמעריקאנער דעמאקראטיע, און מיר קאמוניסטן דארפן זען, אז טאמאס דזשעפערסאן, טאם פעין און אייברעהעם לינקאלן זאלן ווידער לעבן אין אמעריקע. מיר דארפן ווערן עקספערטן איבער אמעריקאנער געשיכטע און זי פארשטיין און אויסטייטשן בעסער, ווי ווער עס איז. מיר דארפן כסדר שטודירן אונזערע אייגענע פארטיי דאקומענטן און ניט לאזן זיי אויף אונזערע פאליצעס, אז עס זאל זיך אויף זיי אנזאמלען שטויב. מיר זיינען די טרעגער פון דער אמעריקאנער קולטור און ציוויליזאציע און מיר מוזן אויסנוצן יעדע שעה זיך צו קוואליפיצירן פאר דער דאזיקער נאבעלער און היסטארישער ראלע.

די אלע, וואס נעמען, אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט פון פירערשאפט אין אונזער באוועגונג, שטעלן זיך דערמיט ארויס צו שטענדיקער אינספעקציע, קריטיק און פראבע פון דער גאנצער באוועגונג.

קיינער קאָן ניט רוען אויף זיינע לאָרבער־קראַנצן און לאָזן אַלץ גיין ווי עס גייט, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט צו אַ פירענדן פּאָסט. וויניקער ווי אַלץ טאָר קיינעם ניט דערלויבט ווערן צו דעגענערירן, צו ווערן אָפּגע־לאָזן און גלייכגילטיק, אָדער צו פאַלן אַ קרבן פון קאָרופּציע, אָדער פונם איינפלוס פון אידייען פון דעם שונא׳ס לאַגער. איצט, ווען אונזער פּאַר־טיי איז אַרויס פון איר איזאָלאַציע, ווען זי איז פולשטענדיק אין דעם שטראָם פון אַ גרויסער מאַסן־באַוועגונג פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק, ווען זי איז יעדן טאָג אויסגעשטעלט צו דעם דרוק פון אָפענע און פאַר־מאַסקירטע פיינטלעכע איינפלוסן, — איצט מער ווי ווען עס איז פריער נויטיקט זיך אונזער פּאַרטיי אין שטענדיקער וואַכזאַמקייט, אין שטענ־דיקן דורכקוק פון אירע פירענדע מענטשן, אין שטענדיק אונטערזוכן זייער פונדאַמענטאַלן פּאָליטישן געזונט.

אַ קאָמוניסטישער פירער מוז, ווי צעזער׳ס ווייב, זיין העכער פון פאַרדאַכט. ער מוז זיין אַ מוסטער פאַר זיינע מיטמענטשן און פאַר די מאַסן, אַ ביישפּיל פון די בעסטע מעלות פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דעם אַמעריקאַנער פאָלק. ער מוז אינספּירירן און האָבן דעם צוטרוי פון די מאַסן. ער מוז זיין דער שטאָלענער רינג, וואָס פאַרבינדט אונזער פּאַרטיי אויף שטענדיק מיט דעם האַרעפּאַשנעם פאָלק.

## פּאַרטיי־אַרבעט אין די מאַסן אָרגאַניזאַציעס

די אויפגאַבן פון בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, די אַנטוויק־לונג און פאַרשפּרייטונג פון זיין פּראָגראַם געפינט מען אויף דעם קאָנ־קרעטסטן און דרינגענדיקסטן אופן אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַרום אַ סך מיליאָנען מיטגלידער. יעדע פון אָט־די אָרגאַניזאַ־ציעס האָט אירע אייגענע ספּעציעלע אויפגאַבן. און די קאָמוניסטן מוזן שטרעבן זיי דורכצופירן אויף דעם ווירקזאַמסטן אופן. דעריבער מוז ספּעציעל אָט־די אַרבעט פון די קאָמוניסטן אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אויף־דאָס־ניי אונטערזוכט און פאַרבעסערט ווערן פּאָליטיש און אָרגאַ־ניזאַציאָנעל.

אונזערע פּאַרטיי־מיטגלידער קאָן מען געפינען אין די פאַרשיידענ־אַרטיקסטע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, — אין די טרייד־יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל., דער סי. אַי. אָ. און די אייזנבאַן בראָטהערהודס; אין דער אַמעריקאַנער ליג פאַר פרידן און דעמאָקראַטיע; אין דער וואָרקערס אַלאַיענס; אין דעם אַמעריקאַנער יוגנט קאָנגרעס, אין די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פון וועלט־מלחמה וועטעראַנען; אין דעם נאַציאָ־נאַלן נעגער קאָנגרעס; אין די פאַרמערישע, קולטורעלע, פּראַטערנאַלע,

רעליגיעזע, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אין די אָר־גאַניזאַציעס פון די נאַציאָנאַלע גרופּן.

מיר מאַכן עס פאַר דעם צוועק פון אַלע קאָמוניסטן אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס בייצושטייערן זייער ווירקזאַמע ארבעט אויף צו בויען און קאָנסאָלידירן די אָרגאַניזאַציעס און באַשיצן זייער איינקייט קעגן אַלע צעשטערערישע עלעמענטן. מיר מאַכן עס פאַר אונזער אויפגאַב צו געווינען פולשטענדיקן צוטרוי מצד די פּראָגרעסיווע פירער און אַלע מיטגלידער פון יענע אָרגאַניזאַציעס. מיר פאָדערן־אויף די קאָמוניסטן צו נעמען אויף זיך מער סיסטעמאַטיש זייער חלק פון די אַלע פאַראַנט־וואָרטלעכקייטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם אויפבוי און אַנטוויקלונג פון יענע אָרגאַניזאַציעס. אויף דעם באַזיס פון אַזאַ באַשיידענער און ענערגישער אַרבעט דערוואַרטן מיר אַלע קאָמוניסטן אויסצוברייטערן זייערע פאַרבינדונגען צווישן די מיטגלידער, צו געווינען זיי פאַר דער שטיצע פון דער פּראָגראַם און דער אָרגאַניזאַציע פון דעם דעמאָקראַ־טישן פראָנט און דער מערהייט פון פאָלק און צו געווינען זייערע פאָרט־געשריטענסטע פאַרטרעטער ווי מיטגלידער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

א גוטער ביישפּיל פון דעם, וויפיל די קאָמוניסטן העלפן אין דעם אויפבוי פון מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, איז דער וואוקס פון דעם אינטערנאַ־ציאָנאַלן ארבעטער אָרדן, וועלכער האָט דערגרייכט א מיטגלידערשאַפט פון 150 טויזנט. מיר זיינען שטאָלץ מיט אונזער ביישטייער צום א. א. אָ. און ווילן אים ווייטער געבן אונזער פולע שטיצע דורך אונזערע מיט־גלידער.

אונזער גאַנצע אַרבעט מוז געפירט ווערן אין דער ריכטונג פון אָט־די ברייטע צילן. אַלץ וואָס שטערט אין דער דערגרייכונג פון אָט־די צילן, מוז רעווידירט ווערן. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אז ווען קאָ־מוניסטן אַרבעטן אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אויף דעם באַזיס פון פאַרמאַכטע פראַקציעס, וואָס זייערע באַשלוסן זיינען בינדענד אויף זייע־רע מיטגלידער, שאַפט דאָס אָפט א פאַרדאַכט צווישן געוויסע מיטגלידער אז די קאָמוניסטן האָבן געוויסע באַזונדערע אינטערעסן. אַזאַ פאַרדאַכט ווערט קולטיווירט דורך רעאַקציאָנערן און שונאים פון דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי. צו דער זעלביקער צייט איז עס אויך באַוויזן געוואָרן דורך דערפאַרונג, אז אַזוינע פראַקציעס זיינען ניט נויטיק אויף צו דערגרייכן די צילן פון אונזער ארבעט אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס גייען קיינמאָל ניט אין דער ריכטונג פון א „קאָמוניסטישן קאָנטראָל“, וועלכן

מיר ווילן ניט, און וואָס זיינען אין איינקלאַנג מיט די צילן פון די מאַסן מיטגלידער אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער מיינונג. ס'איז שוין דערי־בער אַ שטיק צייט, אַז מיר פאָדערן־אויף אונזערע מיטגלידער אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אויפצולייזן יעדע פראַקציע־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבן עקזיסטירט אין דער פאַראַנגענהייט, און צו קאָאָפּערירן פריי מיט דער גרויסער מערהייט פון פּראָגרעסיווע מיטגלידער אין דער אָר־גאַניזאַציע, כדי אויסצומיידן און אנטמוטיקן אַלע קינסטליכע גרופּירונ־גען אָדער קאָקוסן אָדער פראַקציעס פון וועלכן ס'ניט איז סאָרט צווישן די מיטגלידער און צו דערגרייכן אייניקייט אין זייער אַרבעט דורך די נאָרמאַלע קאַנאַלן פון דער אָרגאַניזאַציע. איך בין זיכער, אַז די דאָזיקע קאָנווענשאָן וועט פולשטענדיק גוטהייסן אַזאַ קורס.

## די באַפרייאונגס באַוועגונג פון די נעגערן

פון איר סאַמע אָנהויב אָן איז דער וועג פון אונזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנגעצייכנט געוואָרן דורך די ווערטער פון קאַרל מאַרקס: „דער אַרבעטער מיט אַ ווייסער הויט קאָנען קיינמאָל ניט זיין פריי ווען דער אַרבעטער מיט אַ שוואַרצער הויט איז פאַרשקלאַפט“. אַ סך יאָרן האָבן מיר געאַרבעט שווער און געגעבן אונזער גרעסטע מאָס קאָאָפּעראַציע צו די פאָרטגעשריטענסטע נעגערן אין זייערע פאַרזוכן אויפצוהויבן אַ נייע באַפרייאונגס־באַוועגונג צווישן זיי; מיר האָבן גלייכצייטיק אַוועקגע־געבן אונזער ענערגיע צו געווינען די ווייסע אַרבעטער און דעמאָקראַטי־שע מאַסן פאַר אַ בונד מיט די נעגערן, כדי צו קעמפן פאַר דער גלייכער בירגערשאַפט, וואָס איז אַזוי לעבנס וויכטיק אין אַ גלייכער מאָס פאַר ווייסע און שוואַרצע.

אויף אונזער ניינטער קאָנווענשאָן האָבן מיר געקאָנט פאַרצייכענען מיט האָפענונג די גרינדונג, מיט עטלעכע חדשים פריער, פון דעם נאַ־ציאָנאַלן נעגער קאָנגרעס, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַב פון מאָביליזירן אַזאַ באַפרייאונגס־באַוועגונג. היינט, אויף אונזער צענ־טער קאָנווענשאָן, קאָנען מיר דערקלערן, אַז דער נאַציאָנאַלער נעגער קאָנגרעס הויבט אָן פאַרווירקלעכן זיינע אויפגאַבן אויף אַן ערנסטן אופן. ער איז שוין געוואָרן דער אנערקענטער וואָרט־פירער פאַר די נעגערשע מאַסן און דער אינסטרומענט פון זייער אייניקייט מיט די ווייסע מאַסן. ער האָט געהאָלפן אין אַ גרויסער מאָס צו דערגרייכן אַ ברייטע מאָס אָר־גאַניזאַציע פון נעגערן אין די אינדוסטריעלע יוניאָנס פון דער סי. אי. אָ. און צו באַאיינפלוסן פערמאַנענט יענע קערפּערשאַפט פאַר אַ ריכטי־קער שטעלונג צו נעגער־אַרבעטער. ער האָט פאָרמולירט די פאָדערונגען פון דעם נעגער־פאָלק אין אַזאַ קלאָרער אָבער איינגעהאַלטענער פאָרם,

אז ער האט געוואונען די אויפמערקזאמקייט און רעספעקט פון די ברייטסטע מאסן פון דער באפעלקערונג.

מיר מוזן ווייטער געבן דעם נאציאנאלן נעגער־קאנגרעס אונזער הארציקסטע שטיצע. מיר דארפן אים העלפן לייזן זיינע ארגאניזאציאנעלע פראבלעמען, צו פארבינדן דורך פראקטישער קאאפעראציע די פארשיידענע ארגאניזאציעס פון די נעגערן, צו פאדערן נאך מער עקשנות'דיק פון די אלגעמיינע ארבעטער און דעמאקראטישע ארגאניזאציעס די פולשטענדיקע אנערקענונג פון דעם נעגער און זיינע פראבלעמען, ווי א באדינגונג פון פארטשריט פאר אלעמען. פארטשריט איז געמאכט געווארן אין די לעצטע צוויי יאר אויף דעם געביט פון רעקרוטירן נעגערן אין אונזער פארטיי און טרענירן זיי פאר פירערשאפט; מיר קאנען אבער בשום אופן נישט זיין צופרידן מיט אונזערע דערגרייכונגען. שטענדיקע אויפמערקזאמקייט צו דער דאזיקער פראגע איז נויטיק, שטענדיקע זעלבסט־קריטישע אונטערזוכונג פון אונזער ארבעט. זאלן די אנגעזעענע בייטראגן צו אונזער פארטיי מצד חבר דזשעימס פארד זיין א שטענדיקע דערמאנונג פאר יעדן איינעם פון אונז וועגן די גרויסע רעסורסן, וואסווארטן אויף אונזער פארטיי צווישן די נעגער מאסן. אונזערע שונאים אין דער סאוט האבן אונז א נאמען געגעבן „די נעגער פארטיי"; מיר ווידערהאלן נאכאמאל, אז מיר נעמען אן דעם נאמען ווי אן ערן־טיטל. לאמיר אבער פארדינען דעם דאזיקן נאמען דורך ערנסט רעקרוטירונג פון נעגער־מיטגלידער.

נאך אן ארגאניזאציע, וואס דארף פון אונז קריגן מער הילף, איז די אינטערנעשאנאל לעיבאר דעפענס (איי. על. די), מיט דעם פראגרעסיוון רעפובליקאנער, וויטא מארקאנטאניא, און חברטע אנא דעימאן אן דער שפיץ. די וויכטיקייט פון דער איי. על. די. ווערט באטאנט דורך דער ראל, וואס די דאזיקע ארגאניזאציע שפילט גראד אין דעם איצטיקן מאמענט אין די קאמפן פאר בירגערלעכע פרייהייטן אין דזשוירזי סיטי און אין פלארידע, אין דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון טאם מוני און בילינגס, די סקאטסבארא באיס און הונדערטער לאקאלע קאמפן. מער שטיצע פאר דער אי. על. די!

## די נאציאנאלע גרופן און זייערע ארגאניזאציעס

פרעזידענט רוזוועלט האט אנומעלטן דערמאנט א פארזאמלונג פון די „טעכטער פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע", אז אין אמעריקע שטאמען מיר אלע פון רעוואלוציאנערן און אימיגראנטן. מיר אונטערשיידן זיך בלויז אין דער צאל דורות, וואס טיילן אונז אפ פון אונזערע אימיגראנטישע עלטערן. אמעריקע איז דער גרויסער שמעלץ־טאפ, אין וועלכן

עס האָבן אריינגעשטראָמט די פעלקער פון אַלע ראסן און לענדער, צו שאפן דאָס, וואָס מיר רופן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק און אַ נייע נאַציע.

אַ גרויסע טייל פון אונזער באַפעלקערונג, אפשר אַ גאַנצער דריט־חלק, האָבן פאַראייניקט זייער אַמעריקאַניזאַציע מיט איינהיטן אַ געמיינ־דע־לעבן און אַ באוואוסטזיין, וואָס איז באַזירט אויף זייער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. די דאָזיקע טיילן פון דער באַפעלקערונג האַלטן אָן זייער אָריגינעלע שפּראַך צוזאַמען מיט באַהערשן די אַלגעמיינע שפּראַך פון לאַנד, ווייל די שפּראַך אַנטהאַלט פאַר זיי אַ סך פון זייער קולטורעלער ירושה, וואָס זיי ווילן איינהיטן, און איז דער אויסדרוק־מיטל פאַר זייערע רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, וואָס זיי האַלטן טייער. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע געמיינדעס אָדער גרופּן זיינען אַן אָרגאַנישער און עטאַבלירטער טייל פון אַמעריקאַנעם לעבן, וואָס זיי האָבן באַרייכערט. יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע מוז שענקען זייער ערנסטע אויפ־מערקזאַמקייט צו די דאָזיקע נאַציאָנאַלע גרופּן, און יעדע פּאַרטיי האָט דאָס געטאָן. נאָך אַ פּעריאָדע, אין וועלכער אונזער פּאַרטיי האָט געהאַט די טענדענץ זיי צו פאַרנאַכלעסיקן, מוז די צענטע קאָנווענשאָן שאַרפ ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו די נאַציאָנאַלע גרופּן און צו די פּראָבלעמען פון אַרבעט צווישן זיי.

די נומעריש־גרעסטע און וויכטיקסטע פון די דאָזיקע גרופּן זיינען די איטאַליענער, דייטשן, פּאָליאַקן, אידן, דרום־סלאַוון און די שפּאַניש־ריידענדיקע נאַציאָנאַליטעטן. צוזאַמען ציילן זיי אַ סך מיליאָנען און נעמען אריין אַ באַזונדער גרויסן טייל פון די אַרבעטער אין די גרונט אינדוסטריען און אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס.

אונזער פּאַרטיי האָט אָרגאַניזאַציעס און אַ פּרעסע צווישן מערסטע פון די דאָזיקע נאַציאָנאַלע גרופּן. אָבער מיט ווייניקע אויסנאַמען מוז מען צוגעבן, אַז זיי אַרבעטן ניט גוט, אַז זיי האָבן די טענדענץ צו זיין הינטערשטעליק לגבי דער פּאַרטיי ווי אַ גאַנצע. זיי ליידן נאָך אַלץ פון אַ מער־ווייניקער סעקטאַנטישן אויסקוק און מעטאָדן פון אַרבעט, זיי זיינען שוואַך פאַרבונדן מיט זייערע נאַציאָנאַלע גרופּן און באַזונדער שוואַך פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק.

עס איז נויטיק אריינצוברענגען נייע לעבן אין דעם דאָזיקן פעלד. די נאַציאָנאַלע ביוראָס, וואָס פירן אָן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, צוזאַמען מיט דער שפּראַך פּרעסע, מוזן ווערן פאַרזיכטיק אונטערזוכט, באַנייט, געקרעפטיקט און ענגער פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון דער גאַנצער באַ־וועגונג און אונטער דער פירערשאַפט פון דעם צענטראַל קאָמיטעט. זיי מוזן ווערן מעכטיקע כחות אין דעם לעבן פון זייערע געמיינדעס, מוזן

אויפלעבן זייערע פּראָגרעסיווע, נאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און באַזונדערס דורך די טרעיד יוניאָנס און פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס אריינציען זייערע נאַציאָנאַלע גרופּן אין א גרעסערער מאָס אין דער ברייטער באַוועגונג פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. דער צענטראַל קאָמיטעט איז אַנטשלאָסן צו שאַפן מער ווירקזאַמע אָנפירערשאַפט מיט דער אַרבעט פון די נאַציאָנאַלע גרופּן. די זעלביקע אויפגאַב שטייט פאַר יעדער סטעיט קאָמיטע פון דער פּאַרטיי. אין דעם גרויסן אַמעריקאַנער שמעלץ־טאָפּ האָבן די נאַציאָנאַלע גרופּן בייגעטראָגן און וועלן ווייטער בייטראָגן א וויכטיקן טייל פון דער פאַרשיידנאַרטיקער אמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אַט־דער טייל קאָן און מוז אַריינגעבראַכט ווערן אין דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, און זיינע פאָרטגעשריטענסטע עלעמענטן — אין אונזער פּאַרטיי. דאָס איז די אויפגאַבע פון דער גאַנצער פּאַרטיי.

## פּראָבלעמען פון די פאַרמערס

איינע פון אונזערע טייערסטע שטרעבונגען האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן צוריק מיט עטלעכע חדשים, ווען די „פאַרמערס יוניאָן", „לעיבאָרס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג", און די סי. אי. אָ., פאַרטראָטן דורך דער „אַגריקאַלטשורעל ענד קענערי וואָרקערס יוניאָן", האָבן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך צו באַראַטן זיך און אַרבעטן געמיינשאַפטלעך איבער אַלע פראַגן, וואָס רירן אָן אַלע גרופּן.

אַזוינע קאָאָפּעראַטיווע פאַרבינדונגען מוזן אויסגעברייטערט ווערן אַרונטער צו, אויף א לאָקאַלן און געגנט־מאַסשטאַב, איבערן גאַנצן לאַנד און אַרומנעמען אַלע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער און פאַרמער. דער אַרבעטער־קלאַס מוז שאַרפער באַגרייפן, אַז דער קאַמף פאַר די באַדערפעניש פון די פאַרמער איז איינער פון די פּונקטן אין זיין אייגענער פּראָגראַם און אַז דער קאַמף פאַר דער דאָזיקער פּלאַטפאָרם מוז געפירט ווערן צוזאַמען מיט די אַרבעטער. עס איז די אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי אויפצוקלערן און דערציען די אַרבעטער־באַוועגונג איבער דער דאָזיקער פראַגע.

די גרויסע מערהייט פאַרמער, די וואָס באַאַרבעטן דעם באָדן מיט זייער אייגענער אַרבעט, ניט מיט דער געדונגענער אַרבעט פון אַנדערע, שטייען פאַר אַלץ גרעסערע שוועריקייטן. אַלץ א גרעסערע צאָל פון זיי זיינען טענענטס, וואָס האָבן שוין אָנגעוואָרן דעם באַזיץ פון זייער לאַנד; נאָך א גרויסער טייל איז טיף איינגעטונקען אין חובות און מאָרטגעדזשעס און צאָלט ציגזן די קאַפּיטאַליסטן איבער די כחות; אַלע ליידן זיי פון די מאַרק מאָנאָפּאָליעס, וועלכע האַלטן די פרייזן נידעריק אין

דאָרף און הויך אין שטאָט; אַ סך פון זיי קאָנען פון זייער תבואה ניט אַרויסקריגן אַפילו אַזויפיל, ווי עס קאָסט זיי צו פּראָדוצירן די תבואה.

בעת מיר שטיצן די פאָדערונגען פון די פאַרמער בנוגע רעליף און רעפאָרמען אויף צו לייזן זייערע שוועריקייטן — דעם קאַמף צו דעמאָקראַטיזירן די אַגראַרע געזעצן און זייער אָנווענדונג — דאַרפן מיר דערגרייכן און זיך באַקענען מיט אַ סך גרעסערער צאָל פאַרמערישע אָרגאַניזאַציעס. די מערסטע פאַרמער זיינען אָרגאַניזירט אין איין פאָרם אָדער אַ צווייטער. ניט בלויז איז פאַראַן די „נעשאָנאַל גרעינדזש", די „פאַרמערס יוניאָן" און ענלעכע קערפּערשאַפטן, נאָר ס'איז אויך פאַראַן — און דאָס איז וויכטיקער — אַ ברייטע נעץ פאָרם ביוראָס און זייערע אַגענטן, און ספּעציאַליזירטע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרמער, וואָס פּראָדוצירן איין מין תבואה. די מערסטע פון זיי זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן מצד די אַרבעטער און די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט. עס איז נויטיק שטענדיק צו שטודירן און אַרבעטן איבער דער דאָזיקער פּראָבלעם, צו פאַרבינדן די שטאָט מיט'ן דאָרף אין דעם ענגסטן בונד פון געמיינשאַפטלעכן קאַמף צו בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען די שטייגענדע וויכטיקייט פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, אין וועלכער עס גייען אַריין פאַרם-קאָאָפּעראַטיוון, קאָנסומערס-קאָאָפּעראַטיוון, קרעדיט-געזעלשאַפטן, ווי די הויפּט-פאָרמען פון קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע. אונזער פּאַרטיי מוז שטודירן די דאָזיקע באַוועגונג און אים אָרגאַניזירן פאַר אַקטיוון איינטייל אין איר.

## אַרבעט צווישן פרויען

מיר האָבן אָפטמאָל זיך אַליין דערמאָנט, אַז פרויען באַטרעפן אַ העלפט פון אונזער באַפעלקערונג, כדי אונטערצוטרייבן אונזער נאָך-אַלץ הינטערשטעליקע אַרבעט פון געווינען זיי פאַר אונזער פּאַרטיי און פאַר דער אַרבעטער און פּראָגרעסיווער באַוועגונג. מיר מוזן אָנהויבן זיין מער קאָנקרעט איצט און אָנערקענען, אַז די מאַסן פרויען ווערן אַקטיוו, אָרגאַניזירן זיך סיי אין די געמיינשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן פון מענער און פרויען, ווי אין די טרעיד יוניאָנס, און סיי אין זייערע אייגענע פרויען אָרגאַניזאַציעס. צווישן די מיליאָנען פּאָליטיש-אויפגעוואַכטע און אַקטיווע פרויען דאַרפן מיר מאַכן אַ סך מער פאָרטשריט, ווי ס'איז געווען דער פאַל ביז איצט.

דערלויבט מיר אָנצוגעבן אַ ביישפּיל פון דער פּאָליטישער רייפקייט פון די פרויען. די „יאָנג ווימענס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן" האָט לעצטנס געהאַט אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ. דאָס

איז די אַמעריקאַנער סעקציע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, מיט ברענטשעס אין פופציק לענדער, כמעט אַזוי פיל ווי מיר האָבן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. זייער קאָנווענשאָן האָט אויסגעדריקט אַ באַשטימטע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע פּראָגראַם פאַר סאָציאַלער און אַרבעטער געזעצגעבונג, פאַר קאָאָפּעראַציע אויף דעם געביט פון בויען די טרעיד יוניאָנס און אַזוי ווייטער. זי האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אַמעריקע זאָל קאָאָפּערירן מיט די פרידנס־כחות פון דער וועלט, אַז עס זאָלן אָנגעווענדעט ווערן עקאָנאָמישע סאַנקציעס קעגן די מלחמה־מאַכענדיקע רעגירונגען און עס זאָל אַראָפּגענומען ווערן די עמבאַרגאָ קעגן לאָיאַליסטישער שפּאַניע. בלויז צוויי שטימען זיינען אויפגעהויבן געוואָרן אויף דער קאָנווענשאָן קעגן דער דאָזיקער פרידנס־פּאָליסי, וועלכע שטימט אַזוי נאָענט מיט דער פּאָליסי, וואָס מיר פּריידיקן. איינע פון די צוויי קעגנערינס איז געווען אַ „סאָציאַליסטקע" און די צווייטע — אַן אָפענע רעאַקציאָנערין. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו מאַכן און שטיצן פאַרזוכן צו דערווערבן גלייכע מעגלעכקייטן פאַר דעם נעגער פאָלק, צו שטיצן דעם קאַמף פאַר בירגערלעכע רעכט פון נעגערן און פאַר אַנטי־לינטשינג געזעצגעבונג. עס איז קלאָר, אַז אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז שוין פאַראַן אַ גרויסע צאָל פּראָגרעסיווע פרויען און אַ פייאיקע, קלאָר־קעפּיקע פירערשאַפט. דאָ האָבן מיר זייער אַ וויכטיקן סעקטאָר פון דער פרויען־באַוועגונג. מיר מוזן אים שיינקען אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט.

אַ צוזאָגנדיקע באַוועגונג אַנטוויקלט זיך אַרום דעם אַזוי־גערופענעם „ווימענ'ס טשאַרטער", אַ סיסטעמאַטישע פאָרמולירונג פון די ספּעציעלע באַדערפענישן און פאָדערונגען פון די פרויען. אנטשטאַנען הויפּטזעכלעך פון די טרעיד־יוניאָנס און די קרייזן פין דער „ווימענ'ס טרעיד יוניאָן ליג", זוכט די דאָזיקע באַוועגונג צו פאַרבינדן אַלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אויף דעם באַזיס פון אַ געמיינשאַפטלעך־אָנגענומענער פּראָגרעסיווער פּלאַטפאָרם. מיט דער געהעריקער הילף און אַנטוויקלונג, קאָן פון אַזאַ באַוועגונג אַרויסקומען אַ סך גוטס.

רעקרוטירונג פון פרויען, ווי אַקטיווע מיטגלידער פון אונזער פּאַרטיי, האָט געמאַכט פאָרטשריט אין אַ צאָל דיסטריקטן זינט אונזער ניינטער קאָנווענשאָן. ניו יאָרק איז אפשר דער פירער אין דעם דאָזיקן זין, ווייל ווי איך פאַרשטיי, באַטרעפן פרויען 39 פּראָצענט פון דער ניו־יאָרקער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, אַ העכערער פּראָצענט ווי צוריק מיט צוויי יאָר, ווען אונזער מיטגלידערשאַפט איז געווען אַ העלפט פון דער איצטיקער. יעדער סטעיט דאַרף אַריינקוקן אין אָט דער פראַגע. פונקט ווי מען אורטיילט די ציוויליזאַציע־שטופע פון פעלקער לויט דעם

סטאטוס, וואָס פרויען פאַרנעמען ביי זיי, אזוי וועלן אונזערע סטעיט אָרגאַניזאַציעס געאורטיילט ווערן, בנוגע זייער פּאָליטישער רייפקייט, אויך לויט דער צאָל פרויען, וואָס זיי האָבן ארייַנגעצויגן אין דער אַק־טיוועד מיטגלידערשאַפט פון אונזער פּאַרטיי. א טייל פון דער דאָזי־קער אויפגאַבע איז די באַגלייטענדיקע נויטווענדיקייט אויסצוקלייבן, דער־הויבן, יאויסבילדן און דורכקאָנטראָלירן דעם פירנדיקן פּערסאָנאַל צווישן די פרויען אויף א זייער ערנסטן אופן.

## די פּאַרטיי און די יוגנט •

די שטייגנדע דעמאָקראַטישע באַוועגונג איז אין ערגעץ ניט אזוי טיף־געשפירט ווי צווישן דער יוגנט. ס'איז א פאַקט, אז די יונגע מענטשן זיינען אין דעם אוואַנגאַרד אויף דעם געביט פון דערגרייכן א פונדאַ־מענטאַלע אייניקייט אויף א נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב — מיט דעם אויפ־שטייג פון דעם נאַציאָנאַלן יוגנט קאָנגרעס, וועלכער עקזיסטירט שוין דאָס פינפטע יאָר און נעמט שוין ארום א גרויסע מערהייט פון דער אָר־גאַניזירטער יוגנט אין לאַנד. דורך זיין קאַמף פאַר דעם „נאַציאָ־נאַלן יוגנט אַקט" האָט דער נאַציאָנאַלער יוגנט־קאָנגרעס אויסגעלייגט א יוועג פאַר דער „יוגנט־אַדמיניסטראַציע" פון דעם „נייעם דיל", וואָס — ווי קנאַפּ עס זאָלן ניט זיין אירע אויפטוען — האָט זי דאָך געשאַפן אַן אומגעהויער־וויכטיקע שוץ פאַר הונדערטער טויזנטער יונגע לייט קעגן די ערגסטע קאַטאַסטראָפעס פון דעם קריזיס. דער יוגנט קאָנ־גרעס יאיז געווען דערפאָלגרייך אין אויסראָטן די רעאַקציאָנערסטע שטריכן פון די „סי־ סי. סי." קעמפּס און זיי געהאָלפן אָנהאַלטן קעגן די אַטאַ־קעס פון די רעאַקציאָנערן. ער האָט געגעבן די ברייטע מאַסן פון דער יוגנט א פונדאַמענטאַלע דערציאונג און טרענירונג אויף דער ליניע פון דעמאָקראַטיע און פּאַרטשריט. ער האָט ניט דערלאָזט, אז דער קריזיס זאָל ברעכן דעם מוט פון דער יוגנט און זי באַשיצט קעגן דעם סם פון פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע און שטימונגען, און פאַרוואַנדלט דעם יונגן דור אין א כח פאַר דעמאָקראַטיע און פרידן.

מיר קאָנען זיין זייער שטאָלץ מיט אונזער יאָנג קאָמיוניסט ליג, וואָס זי איז פון סאַמע אָנהויב אָן, קליין ווי זי איז, געווען א לעבעדיקער כח אין דער ברייטער יוגנט־באַוועגונג יאון אן אנטשיידענדיקער פאַקטאָר אין באַשיצן די אייניקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג קעגן אַלע פאַר־זוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן זי צו צעטיילן און צעזייען.

די יאָנג קאָמיוניסט ליג וואַקסט, אָבער נאָך אַלץ צו לאַנגזאַם. זי רוקט ארויס די מערסטע פּראָבלעמען פון פּאַרטיי־אויפבוי, און א צאָל

פון זיי — שארפער ווי דאס טוט די גאנצע פארטיי. זי נויטיקט זיך אין א סך מער הילף און אנפירערשאפט מצד אונזער פארטיי, כדי צו ווערן אויף אן אמת'ן א מאסן־ליג, וואס זאל דערציען די יוגנט פון אמעריקע אין דעם גייסט פון מארקסיזם־לעניניזם, פון דער פראגראם און דעם גייסט פון אונזער פארטיי. די דאזיקע קאנווענשאן דארף אנטשיידענדיק פארבעסערן די פארטיי־ארבעט צווישן דער יוגנט.

## פאר אן ארבעטער־געזונט פראגראם

עס הויבט זיך אויף א גרויסע באוועגונג פאר א געזעלשאפטלעכער געזונט־פראגראם, ספעציעל פאר אן ארבעטער־געזונט פראגראם. אונזער פארטיי מוז שיינקען אלץ מער אויפמערקזאמקייט צו דעם דאזיקן געביט. פארשיידענע רעגירונגס־באריכטן דעקן אויף א שוידערלעכן צושטאנד פון אומנויטיקער קראנקהייט און פריצייטיקן טויט צווישן די ארבעטלאזע, די נידעריק־באצאלטע ארבעטער און די ארימע פארמער. צווישן רעליף־ארבעטער באטרעפן די קראנקען־פאלן מיט 47 פראצענט מער אין שארפע פארקריינקונגען און מיט 87 פראצענט מער אין כראנישע קראנקהייטן, ווי צווישן פאמיליעס מיט העכער דריי טויזנט דאלאר א יאר איינקונפט. קינדער־שטערבלעכקייט איז שטייגענדיק העכער אין די סלאם־געגנטן. באשעפטיקונגס־קראנקהייטן פארשפרייטן אומנויטיקן חורבן צווישן די ארבעטער. מער ווי א העלפט פון דעם אמעריקאנעם פאלק האט ניט קיין געהעריקע מעדיצינישע און דענטיסטישע באהאנדלונג און אויפזיכט, און די לאגע ווערט ערגער, וואס מער דער קריזיס פארטיפט זיך.

די פראגע פון פאלקס־געזונט איז א פאליטישע פראגע פון גרויסער וויכטיקייט. טרעיד יוניאנס, פראטערנאלע געזעלשאפטן, פרויען־קלובן, יוגנט־ארגאניזאציעס, אזוי גוט ווי דער פראגרעסיווער פליגל פון דער אמעריקאן מעדיקאל אסאסיאיישאן, און פון דער רוזוועלט אדמיניסטראציע ווייזן ארויס אלץ א גרעסערן אינטערעס צו דער פראגע. אין פארשיידענע שטעט און סטעיטס זיינען אריינגעבראכט געווארן צענדליקער בילס, וואס האבן צו טאן מיט דער פראגע פון געזעלשאפטלעכן געזונט. די דאזיקע פראבלעם איז שארף געבראכט געווארן צו אונזער אויפמערקזאמקייט דורך חבר פאסטער, וועלכער האט אפגעשאצט איר וויכטיקייט, אין דער צייט, ווען די מערסטע פון אונז האבן נאך אלץ באטראכט די געזונט־פראגע ווי א פראגע בלויז פאר דאקטוירים.

מיר דארפן זיך באטייליקן אין די אלע פראגרעסיווע באוועגונגען און קעמפן פאר בעסערע באדינגונגען פון מאסן־געזונט, ספעציעל פאר

שטאָטישע און דאָרפישע געזונט־צענטערס, וואָס זאָלן באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט געהעריקער מעדיצינישער אויפזיכט, פריי פון קאָסטן, און אויך פאַר דעם, אַז די רעגירונג זאָל איינשליסן געזונט־אינשורענס אין די געזעצן וועגן סאָציאַלער זיכערונג. די געזעלשאַפטלעכע געזונט־באַוועגונג שאַפט אַ וויכטיקן מיטל צו בויען דעם דעמאָקראַטישן פראָנט.

## אונזערע פליכטן צו לאַטיינישער אַמעריקע און די פיליפינען

אויף דעם געביט פון ספעציעלע אינטערנאַציאָנאַלע פליכטן פון אונזער פאַרטיי האָבן מיר שוין גערעדט וועגן אונזערע גרעסערע אויפגאַבן בנוגע די פעלקער פון שפאַניע און כינע, וואָס ווערן אַלץ גרעסער און וויכטיקער. מיר האַלטן אָן אונזער סאָלידאַריטעט־פאָנד, דורך וועלכן מיר אַנטוויקלען מער און מער אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, טוישן אויס אינפאָרמאַציע, באַזאָרגן מיט ליטעראַטור און גיבן אַ קליינע מאָס פינאַנציעלע הילף צו צען ברידערלעכע פאַרטייען, וואָס לײַדן פון ספעציעלער אונטערדריקונג.

די פאַרשאַרפונג פון דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און מלחמה און דער אויפשטייג פון אַ דעמאָקראַטישער מאַסן־באַוועגונג אין די לענדער פון לאַטיינישער אַמעריקע און אין די פיליפינען שטעלן אַוועק אונזערע ברידערלעכע פאַרטייען אין די דאָזיקע לענדער פאַר אַלערליי קאָמפליצירטע פראָבלעמען, אין אַ לאַגע, אין וועלכער זייערע פראַקטישע שוועריקייטן שטייגן גלייכצייטיק מיט זייער שטאַרק־אויסגעברייטערטער מעגלעכקייט צו מאַכן פאָרטשריט. אונזער רעזאָלוציע שלאָגט פאָר, אַז אונזער פאַרטיי זאָל אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אויסברייטערן באַדייטענדיק און מער סיסטעמאַטיש איר פראַקטישע און פּאָליטישע הילף פאַר זיי. דאָס וועט פאָדערן מער רעגלמעסיקן אויסטויש פון דעלעגאַציעס, צייטשריפטן און ביכער, פּאָליטישער קאָרעספּאָנדענץ, אָנגעפירט פון אונזער צענטראַל קאָמיטעט, און מצד דער גאַנצער פאַרטיי — טיפערע און סיסטעמאַטישע אויפמערקזאַמקייט און אַקציע בנוגע פראַגן, וואָס רירן אָן יענע לענדער, די מאָביליזירונג פון די כחות פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט פאַר אַ באַוואוסטזיניקער סאָלידאַריטעט מיט אונזערע ברידער אין לאַטיינישער אַמעריקע און אין די פיליפינען אין זייער קאַמף קעגן רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה. די געשעענישן פון די לעצטע וואָכן אין מעקסיקאָ זײַנען גענוג אויף צו באַטאָנען די אומגעהויערע וויכטיקייט פון די דאָזיקע אויפגאַבן. ענלעכע געשעענישן וואַקסן־אָן אין טשילי, אויף וועלכער מיר מוזן האַלטן אונזערע אויגן.

## די נייע פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע

די קאָנווענשאָן האָט פאַר זיך אַ נייע און רעווידירטע פּאַרטיי־קאָנסטיטוציע. מיר האָבן אָפּערירט אין דעם משך פון העכער ניין יאָר מיט אַ „ניט־געשריבענער קאָנסטיטוציע“. אונזער זעקסטע קאָנווענשאָן, אין אָנהויב 1929, האָט געהאַט אָנגענומען אַ פּראָיעקט פון אַ קאָנסטיטוציע, נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דעם ברען פון דער פראַקציאָנעלער שטערונג, געשאַפן דורך דעם רענעגאַט לאָווסטאָן, האָט זי ניט געקראָגן קיין ערנסטע אויפמערקזאַמקייט, איז קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו דער פּאַרטיי און איז פאַרלאָרן געוואָרן. מיר זיינען איצט געקומען צו אַ פּונקט אין אונזער אַנטוויקלונג, ווען עס איז געוואָרן נויטיק צו מאַכן אַ סוף צו דער צעשוואומענקייט און אומזיכערקייט בנוגע דער פּאַרטיי, איר פונדאַמענטאַלער פּראָגראַם, איר סטרוקטור, און איר פאַרהעלטעניש מיט דעם לאַנד און דער וועלט. דאָס איז די באַדייטונג פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס ווערט פאַר אייך פאָרגעבראַכט.

אין דער נייער קאָנסטיטוציע איז גאָרנישט ניט ניי אין פּרט פון פּרינציפּ. זי איז די קאָדיפיקאַציע פון אונזער עקזיסטירענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּראַקטיק און דריקט אויס אונזער פונדאַמענטאַלע פּראָגראַם אין טערמינען פון מאָדערנער אַמעריקע און אין דעם ליכט פון דעם זיבעטן וועלט־קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אויף אונזער ניינטער קאָנווענשאָן האָבן מיר אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע אויף צו באַשטרייטן אַלע אונזערע שונאים, וועלכע האָבן געוואָלט פאַרבאָטן אונזער פּאַרטיי אָדער איזאָלירן זי דורך דער באַשולדיקונג, אַז מיר זיינען אַ קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיי, וואָס זוכט אויף אַ גוואַלדזאַמען אופן אומצואוואַרפן די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אונזערע שונאים האָבן איגנאָרירט אונזערע טאַטן און זיינען אָנגעגאַנגען אַלץ מער מיט זייערע פאַרלוימדונגען קעגן אונז. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אריינצושרייבן אונזער ענטפער צו די רעאַקציאָנערן אין אונזער קאָנסטיטוציע אין אַזוינע גענויע און פולשטענדיקע טערמינען, אַז אַפילו אַ קאַפּיטאַליסטישער צייטונגס־רעדאַקטאָר קאָן דאָס ניט אויסמיידן אָדער פאַרקריפּלען.

מיר רעכענען, אַז מיר האָבן אָנגעשריבן אַ גוטע קאָנסטיטוציע, אַזאַ וואָס וועט אויסהאַלטן די פּראָבע פון די קומענדיקע יאָרן און וואָס דריקט אויס דייטלעך און שאַרף די באַלדיקע און די ווייטערע צוקונפטיקע צילן פון אונזער פּאַרטיי, און אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאַרטיי־סטרוקטור.

נאַטירלעך דערוואַרטן מיר ניט צופרידן צו שטעלן אַלעמען. מיר באַמערקן, אַז מר. טשאַרני וולאַדעק האָט לעצטע וואָך אין איילעניש אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען געוויסע אומגינסטיקע קאָמענטאַרן וועגן דער קאָנסטיטוציע. מר. וולאַדעק'ס אַנשויאונגען האָבן אַ געוויסע וויכטיקייט, ווייל ער פאַרנעמט דעם פּאָסט פון אַ קאָונסילאָר אין דער שטאָט ניו יאָרק, פאַרטרעטנדיק די לעיבאָר פּאַרטיי. ער איז דערווײלט געוואָרן צו דעם דאָזיקן אַמט אַ דאַנק די קאָמבינירטע שטימען פון דער לעיבאָר פּאַרטיי און די קאָמוניסטן. ווייל מיר זיינען אַזוי אַרום פאַראַנטוואָרטלעך, ביז אַ געוויסער שטופּע, פאַר זיין אָפיציעלער פּאָזיציע, קאָנען מיר ניט איגנאָרירן זיין קריטיק. ער זאָגט, אַז אונזער קאָנסטיטוציע איז אַ „פולשטענדיקע איבערקערונג" פון אונזער פריערדיקער פּאָזיציע, להיפּוך דער קאָמוניסטישער דאָקטרינע, „דיקטירט דורך די באַדערפענישן פון דעם סאָוועטישן אויסלענדישן אָפיס", און אַז דעריבער קאָן מען די קאָנסטיטוציע ניט באַטראַכטן ווי פּערמאַנענט אָדער אויפריכטיק. אָבער, מר. וולאַדעק, איז ניט צומאָל אייער אַנטדעקונג וועגן דער „פולשטענדיקער איבערקערונג" אַ ביסל פאַרשפּעטיקט, ווען מען האָט אין זינען דעם פאַקט, אַז פון צען ביז צוואַנציק מיליאָן אַמעריקאַנער האָבן זיך צוגעהערט צו מיינע ראַדיאָ־רעדעס, וואָס איך האָב געהאַלטן אַלס קאָמוניסטישער פּרעזידענט־קאַנדידאַט צוריק מיט צוויי יאָר, אין וועלכע איך האָב פאַרטיידיקט „דעמאָקראַטיע קעגן פאַשיזם" , פאַרוואָס האָט איר דאַמאָלט ניט אַנטדעקט די „פולשטענדיקע איבערקערונג"? וואָס איז שייך „אָרטאָדאָקסישער קאָמוניסטישער דאָקטרינע", איז עס צו פיל צו דערוואַרטן פון אייך, אַז איר זאָלט ווירקלעך וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער אויב דאָס אינטערעסירט אייך, וועל איך אייך שיקן (פריי, פאַרשטייט זיך!) אַן עקזעמפּלאַר פון מיין בוך, „די פּיפּלס פראָנט", וועלכער איז רייך אין ציטאַטן פון אַזוינע „אָרטאָדאָקסאַלע קאָמוניסטן" ווי מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין, וואָס פאַרבינדן אָרגאַניש זייער לערע מיט דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער טראַדיציע, — אַ בוך פון וועלכן איר קאָנט, אגב, לערנען געוויסע זאַכן וועגן אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, וואָס איר האָט זיי פריער ניט באַמערקט. וואָס איז שייך די באַדערפענישן פון דעם סאָוועטישן אויסלענדישן אָפיס, זיינען זיי אין דער ערשטער ריי פאַרקערפּערט אין דער באַדערפעניש אָנצוהאַלטן וועלט־פרידן, וואָס דאָס איז אין אַ גלייכער מאָס די באַדערפעניש פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און פון דעם גאַנצן אַמעריקאַנעם פאָלק; און ס'איז טאַקי אַ פּערמאַנענטע באַדערפעניש, אַזוי אַז וועגן דעם האָט איר זיך ניט וואָס צו זאָרגן. וואָס איז שייך אונזער אויפריכטיקייט אין פאַרטיידיקן דעמאָקראַטיע, האָבן דאָס מער ווי צוויי טויזנט אַמעריקאַנער קאָמוניסטן און מיטגלידער פון דער יאָנג קאָמיוניסט ליג, צווישן די

3,700 מיטגלידער פון דער לינקאָלן־וואַשינגטאָן בריגאַדע אין שפּאַניע, פאַרזיגלט מיט זייער בלוט, — אַ פאַקט, וואָס די מערסטע אָנשטענדיקע אַמעריקאַנער האָבן אָנערקענט. און איר אַליין, מר. וואָלאַדעק, וואָלט באַדאַרפט זיין דער ערשטער צו באַגריסן דעם ענדגילטיקן דאָקומענטאַלן באַווייז, וואָס אייער פיינער לעגאַלער קאָפּ שאַצט אַזוי אָפּ, אַז די שטימען, וואָס האָבן אייך דערוויילט צום אַמט, זיינען ניט געקומען פון בונטאַרישע און קאָנספּיראַטאָרישע שונאים פון דעמאָקראַטיע, נאָר פון אירע סאַמע ערנסטע, מוטיקע און פייאיקע פאַרטיידיקער.

אַ צווייטער דזשענטעלמאַן, וואָס איז אומצופרידן מיט אונזער קאָנסטיטוציע, איז באַאַק קאַרטער, דער רעאַקציאָנערער קאָלומניסט. מיר הערן זיך צו אויפמערקזאַם צו יעדער שטים און מיר זיינען ניט צו שטאָלץ צו לערנען אַפילו פון אונזערע שונאים. אפשר קאָנען מיר עפּעס טאָן אויף צו באַגעגענען קאַרטער׳ס אויסזעצונגען. ער באַקלאָגט זיך, אַז דער פּראָיעקט פון אונזער נייער קאָנסטיטוציע דערמאָנט ניט ספּעציפיש קיין פאַרפליכטונג „צו זיין לאָיאַל צו דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן". ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז די איינציקע ערנסטע געפאַר פון אומוואַרפן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן קומט פון מר. קאַרטער׳ס באַלעבאַטים, וואָס צאָלן זיין געהאַלט, די רעאַקציאָנערן און עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, זעט עס אויך רעכט, אַז מיר זאָלן ספּעציפיש רעגיסטרירן דעם דאָזיקן פאַקט אין אונזער פּאָליטישער רעזאָלוציע און דערקלערן אונזער אַנטשלאָסנהייט צו פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס פאַרקערפּערט אַ סך פון די וויכטיקע דערגרייכונגען פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, פון אַט־די אַטאַקעס מצד די רעאַקציאָנערן. מיר האָפן, אַז מר. קאַרטער וועט זיין צופרידן דערפון פונקט אין אַזאַ מאָס, ווי די אַרבעטער וועלן דערפון זיין צופרידן.

מר. קאַרטער האָט אויך געצווינגן אונזער אויפמערקזאַמקייט צו אַ קליינעם טעכנישן פעלער. דאָרט וואו מיר ווייזן אָן אויף געוויסע אומגעווינשטע עלעמענטן, וואָס מוזן אומדערבאַרעמדיק אויסגעראַמט ווערן פון אונזערע רייען, זאָגט אונזער קאָנסטיטוציע, אַז זיי „זאָלן גלייך אָפּגעזאָגט ווערן פון זייערע פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלן, אויסגעשלאָסן ווערן און דעמאַסקירט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט". מר. קאַרטער באַמערקט מיט פרייד, אַז נאָך דעם וואָרט „אויסגעשלאָסן" האָבן מיר פאַרפעלט צו שרייבן „פון דער פּאַרטיי", און ער איז זיך דעריבער משער, אַז מיר וועלן „דעמאַסירן אין דער עפנטלעכקייט" אַזוינע פאַרברעכער, נאָר מיר וועלן זיי האַלטן ווי פּאַרטיי־מיטגלידער. מר. קאַרטער׳ס אויספיר איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין ריכטיקער ; „אויסגעשלאָסן" מיינט „פון דער

פּאַרטיי״, און אונזער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע וועט דאָ וואַרשיינלעך פאַר־ריכטן דעם פעלער.

ווען די רעאַקציאָנערן הויבן אויף אַ „רויטן געיעג״ און לאָזן אָפּ זייערע זשורנאַליסטישע הינט אויף אונז, איז איינע פון די העכסטע האַווקערייען שטענדיק — די שטים פון מר. איסטמאַן. אָט דער אוי־טאָריטעט איבער „פּראָלעטאַרישע און סאָציאַליסטישע אידייען״ באַ־קלאָגט זיך, אַז אונזער קאָנסטיטוציע באַווייזט, דורך איר פּונקט וועגן אויסשליסן שפּיאָנען און „פּאַררעטער פון פּאַרטיי־צוטרוי״, אַז מיר זיי־נען „ניט קיין אמת׳ע פּאָליטישע פּאַרטיי״. אָבער די אַרבעטער, און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק בכלל, וועט פולשטענדיק פאַרשטיין, ווען מיר דערמאָנען זיי, אַז — צו אונזער שאַנד — מוזן מיר צוגעבן, אַז צוריק מיט וואָסערע פערצן יאָר איז, דורך אונזער מאַנגל אין וואַכזאַמקייט, ניט קיין אַנדערער ווי מר. איסטמאַן אַליין געוואָרן אויף אַ קורצער צייט אַ מיטגליד פון אונזער פּאַרטיי, יזון דורך זיין אויפפירונג האָט ער באַ־ווייזן ווי נויטיק עס איז צו האָבן גראָד אַזאַ פּונקט אין אונזער קאָנסטי־טוציע. ווייל מיר האָבן פון אונזערע רייען אויסגעראַמט די איסטמאַנס, לאַוסטאָנס און דעם גאַנצן אָפּפאַל פון דעם דאָזיקן סאָרט, זיינען מיר געוואָרן „אַן אמת׳ע פּאָליטישע פּאַרטיי״.

די „ניו יאָרק וואָרלד־טעלעגראַם״ האָט אין די לעצטע פינף חדשים אוועקגעגעבן מער פּלאַץ אויף צו באַווייזן, אַז קאָמוניזם איז „גוואַלד־זאַמע שטירצונג פון דעמאָקראַטיע״, ווי אויף די מלחמות אין שפּאַניע און כינע און אויף דעם עקאָנאָמישן קריזיס צוזאַמענגענומען, — מער פּלאַץ ווי פאַר וועלכער ס׳איז פראַגע, מיט דער אויסנאַם פון פאַרדאַמען רוזוועלט׳ס „ריקאָוועריִ ביל״. יווייזט אויס, אַז דער רעדאַקטאָר האָט אַ סך גלויבן אין זיין כח פון איבערצייגונג, ווייל דעם 18טן מאַי האָט ער אויסגעדריקט די מיינונג און די האָפענונג, אַז „דער האַרטער לעניניס־טישער יאָדער״ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (מיינענדיק, פאַרשטייט זיך, די, וואָס נעמען אָן זיין אויסטייטשונג פון קאָמוניזם) וועט קומען צו דער צענטער קאָנווענשאָן אונזערער כדי „גרינדלעך צו פאַרדאַמען״ אָט־די קאָנסטיטוציע ווי „אָפּאָרטוניזם מיט שוואַכע קני״ און וועט די קאָנסטיטוציע צוריקווייזן אָדער ברייט צעשפּאַלטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

עס איז אפשר ניט פיין פון אונזער זייט צו אַנטוישן מר. ראָי האָוואַרד׳ן אַזוי שטאַרק. ער מוז נעבאַך האָבן אַ קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיי פון גוואַלדמאַכט פאַר זיינע געשעפטן, און אויב מיר יוועלן אים ניט צוליב טאָן, איז אפילו דאָ אַ געפאַר, אַז ער וועט אַליין אָרגאַניזירן אַזאַ

פּאַרטיי. זיינע פּאַרזוכן צו בויערן פון אינווייניק אין דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי האָבן געשאַפן בלויז איין רעקרוט אין אונזערע רייען, און דאָס איז געווען אַן אָרימער יונג, וואָס איז אַראָפּ פון זינען אונטער דעם דרוק פון אַרבעטלאָזיקייט און וואַרטענדיק אויף רעליף. אפשר וואָלט זיך מר. האָוואַרד געווענדט צו נאָרמאַן טאָמאַס'ן און דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, וועלכע באַרימען זיך, אַז זייער פּאַרטיי איז „אַלץ־איינ־שליסענדיק", און זיי באַווייזן דאָס דורך דעם, וואָס זיי שליסן איין צווישן זערע פינף טויזנט מיטגלידער אַלע מיינונגען אויף דער וועלט.

ניין, מיר קאָנען ניט צופרידנשטעלן אַלעמען. מיר גלויבן אָבער, אַז אונזער נייע קאָנסטיטוציע וועט זיין גאַנץ צופרידנשטעלענדיק פאַר דער צענטער קאָנווענשאָן, פאַר דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַר דעם אַרבעטער קלאַס און פאַר דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע בכלל.

## די איינהייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

אונזערע שונאים וועלן שטאַרק אַנטוישט ווערן דורכדעם, וואָס אונ־זער צענטע קאָנווענשאָן באַווייזט אַזוי דראַמאַטיש די פאַלשקייט פון זייערע נביאות וועגן אַ שפּאַלטונג אין אונזערע רייען. זיי האָבן ספּעקולירט אויף אַזאַ אופן: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונטערשטרייכט, אַז זי איז אַמעריקאַניש; פּאָליטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע זיינען אין אַ צושטאַנד פון צעטומלעניש און שפּאַלטונג אומעטום; דעריבער דאַרף די קאָנווענשאָן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שאַפן אַ שפּאַלטונג. זיי זיינען גרייט צו פאַרדאַמען אונז ווי „אום־אַמעריקאַניש", אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן זיי צוצושטעלן אַ „טיפּיש־אַמעריקאַנישע" שפּאַלטונג.

די דאָזיקע הערן קאָנען ניט פאַרשטיין די איינהייט פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער אַלגעמיי־נער פּאָליטישער אומוויסנהייט. זיי קאָנען ניט באַגרייפן קיין איינהייט פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי, אויסער אין טערמינען פון אַ „פּאָליטישן באָס", אַ קליינלעכן דיקטאַטאָר, וואָס צווינגט אַרויף זיין פּערזענלעכן ווילן דורך אָפּשרעקעריי, כיטרעקייט און קאָמפּראָמיס מיט פּרינציפּן. מיר איבערטרעטן יעדן איינעם פון זייערע סטאַנדאַרדס דורך פאַנאַנדערוויק־לען די ברייטסטע אינערלעכע פּאַרטיי דעמאָקראַטיע, וואָס מען האָט ווען געזען אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אונזער לאַנד; דורך אָפנהער־ציק פאַרברענגען אונזער גאַנצע סטראַטעגיע און טאַקטיק פאַר די ברייט־סטע מאַסן און דורך זיך האַלטן שטרענג אָן דער ליניע פון אונזערע פּרינציפּן. און ווי אַ רעזולטאַט — פאַר די רעאַקציאָנערע פּאָליטישענס איז דאָס אַ וואונדער פון אַלע וואונדער — באַקומט זיך, אָנשטאָט צע־

טומלעניש און שטרייט, די פולשטענדיקסטע און ענטוזיאַסטישסטע איינִי־קייט אין אונזערע וואַקסענדיקע רייען, וואָס מען האָט יוען געזען.

אונזערע שונאים האָבן פאַרגעניגן דערפון, וואָס זיי דערמאָנען אונז, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט איז די קאָמוניסטישע פאַרטיי אויך געווען אויסגעשטעלט צו אינערלעכן שטרייט און שפּאַלטונגען. דאָס איז אמת, און מיר זיינען די לעצטע דאָס צו פאַרגעסן. אָבער זינט 1928, ווען מיר האָבן אַרויסגעטריבן די טראָצקיסטן פון אונזערע רייען, און 1929, ווען מיר האָבן אויסראַמט פון אונזער הויז די בוכאַרין־לאָווסטאָן שעדיקער, איז די געשיכטע פון אונזער פּאַרטיי אַ געשיכטע פון ניט־אונטערבראָכענעם וואוקס און אַלץ פעסטערער איינִיקייט. מיר ווייסן, אַז אָט־די שעדיקער און צעשטערער פּרואוון אַריינשיקן זייערע אַגענטן אין אונזער פּאַרטיי, זיי ווערן אָבער אַלץ מער און מער פאַר־בלאָקירט דורך דער וואַכזאַמקייט און איינִיקייט פון אונזערע מיטגלי־דער. דאָס איז אַן איינִיקייט, וואָס איז באַזירט אויף פאַרשטענדעניש און וויסנשאַפט, אויף דער וויסנשאַפט פון געשיכטע, געגרינדעט פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס און אַנטוויקלט אין דער איצטיקער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם און אין דעם אויפשטייג פון סאָציאַליזם ווי אַ וועלט־מאַכט, דורך וולאַדימיר לענין און יאָזעף סטאַלין.

אונזערע שונאים האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט צו רופן אונז „סטאַ־ליניסטן“. מיט דעם טיפסטן שטאָלץ נעמען מיר אָן דעם נאָמען פון אונזער באַליבטן לערער און פירער. מיר זיינעןווירקלעך סטאַליניסטן און מיר האָפן מער און מער צו זיין ווערט אָט־דעם גלאָררייכן נאָמען. מיר געדענקען ווי מיט יאָרן צוריק איז דער נאָמען „לענִיניסט“ אויך דערפונדן געוואָרן דורך דעם געמיינעם טראָצקי ווי אַ „חוזק“־נאָמען; דער דאָזיקער נאָמען איז אָבער דערהויבן געוואָרן אַזוי, אַז ער האָט אי־זאָלירט און באַזיגט טראָצקין מיט זיין חברה און איז געוואָרן איינער פון די ערנהאַפטסטע נעמען, וואָס זיינען באַקאַנט צווישן די אונטער־דריקטע פון אַלע לענדער. און אַזוי איז עס היינט־צו־טאָג מיט סטאַלינ׳ס נאָמען: ער דריקט אויס דעם סך־הכל פון די לערעס פון מאַרקס, ענ־געלס און לענין, שטעלט מיט זיך פאָר די העכסטע שטופע פון מאַרק־סיזם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין דעם פעסטן פונדאַמענט פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אויף אַ זעקסט־חלק פון דער ערד, סימ־באָליזירט די מעכטיקע פעסטונג פון פרידן און סאָציאַליזם אין דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, די האָפנונג און אינספּיראַציע און שוץ פון די אַרבע־טער און אַלע אונטערדריקטע פעלקער פון דער וועלט. סטאַליניסט איז באמת אַ שטאָלצער נאָמען, און מיר מוזן אים טראָגן מיט באַשיידנקייט, ווייל ער טראָגט מיט זיך אַן אומגעהויערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מיר האָבן דאָ אונטערשטראָכן, אַז אונזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטייט פּולשטענדיק אויף אירע אייגענע פיס, מאַכט אירע אייגענע באַשלוסן און איז אין יעדן זין אַן אַמעריקאַנער פּאַרטיי. אונזערע שונאים האָבן אויסגעשריגן מיט פרייד, אַז דאָס מיינט, אַז מיר טיילן זיך אָפּ פון אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט, פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ווידער האָבן זיי אַ ביטערן טעות. קיין זאַך איז ניט ווייטער פון דעם אמת, ווי אָט־דער אויספיר זייערער. ניט נאָר איז עס אמת, אַז די אייניקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז פעסטער ווי ווען עס איז, נאָר עס איז פּונקט אַזוי אמת, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אייניקייט פון אַלע קאָמוניסטן פון דער וועלט, וועלכע זיינען צונויפגעבונדן אין אונזער קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, איז געוואָרן, אונטער דער פירערשאַפט פון אונזער באַליבטן גענאָסע דימיטראָוו, וועלכער סימבאָליזירט מיט זיין אייגענער פּערזאָן די מאַכט, וואָס צעשמעטערט דעם פאַשיזם, מער פולשטענדיק און אומבאַדינגט, ווי ווען עס איז פריער אין דער געשיכטע. אין דעם צענטער פון דער וואַקסענדיקער אייניקייט פון אַלע קאָמוניסטן און אַלע אַרבעטער און אונטערדריקטע שטייט די גלאָררייכע אינספּיראַציע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון זיין קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון יאָזעף סטאַלין. מיר פּראָקלאַמירן דעם דאָזיקן פאַקט צו דער גאַנצער וועלט. דאָס איז אונזער שטאַרקע שוץ און געווער.

ניט ווילנדיק מוזן אונזערע שונאים אויסדריקן אַנערקענונג צו דעם דאָזיקן פאַקט. צוריק מיט עטלעכע טעג האָט איינער פון די פייאיקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער בייגעטראָגן אַ באַדייטענגספולע באַמערקונג. איך רעד וועגן מיס דאָראָטי טאָמפּסאָן, די וועלט־באַקאַנטע קאָלומניסטקע און קאָמענטאַטאָרין, וואָס איר נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן ווי דער רעאַקציאָנערער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון אַמעריקע. עס דאַרף באַמערקט ווערן פאַרבייגייענדיק, אַז די פּאָליטישע שטופּע פון אָט־דער קאַנדידאַטקע פאַר רעאַקציאָנערער אויסציכענונג איז אַ סך העכער, ווי פון אַנדערע אַנדידאַטן, וואָס זיינען דערמאָנט געוואָרן פאַר דעם אמט, — צו דאָס איז הוווער, לענדאָן אָדער וואַנדענבערג. מיס טאָמפּסאָן האָט געשריבן די פאָלגענדע ווערטער אין איר קאָלום, וואָס איז געווען געדרוקט דעם 20טן מאַי:

„אויב עס ווערט קלאָר, אַז רוסלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואָס וועט פאַרטיידיקן די קליינע דעמאָקראַטיעס אין דער צייט ווען די גרויסע דעמאָקראַטיעס זיינען גרייט זיי צו פאַרשאַכערן, דאַמאָלט זאָל דער הימל אַליין העלפן די גרויסע דעמאָקראַטיעס!“

עס איז אָבער שוין קלאָר געוואָרן, אַז רוסלאַנד, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, „איז דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט“ וואָס העלפט טאַקע די קליינע דעמאָקראַטיעס און די אונטערדריקטע פעלקער בכלל! עס איז קלאָר, אַז צום ווינציקסטן איינע פון די „גרויסע דעמאָקראַטיעס“, ענגלאַנד, איז ניט בלויז „גרייט צו פאַרשאַפן זיי“, נאָר זי פאַרשאַפט זיי שוין און פאַרקויפט זיי אויף ווי ווייט זי קאָן נאָר! עס איז קלאָר, אַז פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, נישט געקוקט אויף די גוט־אויסגעדריקטע בעסטע אבזיכטן, לאָזן זיך אַריינשלעפן אין דעם שאַכער־מאַכער! מיט טאַמפּאַן מעג ווירקלעך פילן, אַז זי דאַרף זיך ווענדן צום הימל, ווייל אירע בעל הבתים און קאָלעגן וועלן איר קיינמאָל ניט העלפן אַרויסצוקריכן פון אָט־דער שוועריקייט. אָבער מיר, וועלכע שטיצן זיך אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַפּעלירן צו די דעמאָקראַטישע מאַסן פאַר איניקייט אין אַקציע, האָבן אַ פעסטערן פונדאַמענט. מיר קאָנען זיין זיכערער וועגן דער צוקונפט.

און דאָס איז דער באַזיס פאַר דער אומפאַרגלייכלעכער איניקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. און דערפאַר קאָן אונזער רעזאָלוציע ריידן אַזוי ניכטער, אַזוי קאָנקרעט וועגן די אויפגאַבן פון דערהייבן די דאָזיקע איניקייט און איר פירערשאַפט צו אַ העכערער שטופע. אָט דערפאַר לייגן מיר אַרויף די פליכט אויף אַלע פירנדע קאָמיטעס פון אונזער פאַרטיי צו פאַרשטאַרקן זייער קאָלעקטיווע אַרבעט און פירערשאַפט, צו פאַרבעסערן זייער באָלשעוויסטישע זעלבסט־קריטיק, בייקומען אַלע רעשטלעך פון סעקטאַנטישקייט אין דער אָנווענדונג פון די ריכטיקע פאַליסיס פון אונזער פאַרטיי. אָט דערפאַר וואָרענען מיר קעגן אַלע טענדענצן צו האַלטן אונזער פאַרטיי אין דעם עק פון דער מאַסן־באַוועגונג, אויסצומיידן אַלע שטימונגען פון זעלבסט־צופרידנהייט, שמידן נאָך פעסטער די איניקייט און דיסציפּלין פון דער פאַרטיי, **אַנטוויקלען וואַכזאַמקייט** איבער אַלע פּראָבלעמען, וואָס רירן אָן דאָס לעבן פון אונזער פאַרטיי און פון די מאַסן־באַוועגונגען. אָט־דערפאַר אונטערשטרייכן מיר די אַבסאָלוטע נויטיקייט פון קאָלעקטיווער און פריינטלעכער דיסקוסיע וועגן אַלע מיינונגס־פאַרשיידענהייטן, וואָס קאָנען אַרויפשווימען וועגן פּאָליטישע אָדער טאַקטישע פּראָבלעמען, כדי וואָס שנעלער בייצוקומען די מיינונגס פאַרשידענהייטן. און אָט דערפאַר שטעלן מיר עס פאַר דער אויפגאַב פון אַלע פירנדע קערפּערשאַפטן פון אונזער פאַרטיי צו פאַראייניקן און באַהערשן מער באַוואוסטזיניק די לעקציעס פון חבר סטאַלינ׳ס פירערשאַפט, וואָס געפינען אַזאַ גלאָררייכן ביישפּיל אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין איר אַלוועלטלעך־היסטאָרישן אויפטו פון בויען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

## 6. די אַמעריקאַנער טראַדיציע און סאָציאַליזם

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז באַזירט אויף דער פונדאַמענטאַלער פּראָגראַם פאַר דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסטישער ריאָרגאַניזאַציע פון אונזער לאַנד, דאָס הייסט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק דורך זיינע מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציעס זאָל איבערנעמען דעם באַזיץ און די באַטרייבונג פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט פאַר דעם וואוילזיין פון דעם גאַנצן פאָלק.

דערפאַר וואָס די מערהייט פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק איז ניט איבערצייגט אין דער נויטיקייט פון אָט־דער סאָציאַליסטישער ריאָרגאַניזאַציע, קאָן די דאָזיקע פּראָגראַם אָנגענומען ווערן דערווייל בלויז פון פאַרהעלטנעסמעסיק קלענער מערהייט; און אַזוי ווי דער הויפּט־שונא היינט־צו־טאָג איז דער פאַשיזם, געפינט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַר נויטיק אָוועקצוגעבן אַלע אירע כחות אויף צו פאַרווירקלעכן די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט און בויען די אָרגאַניזאַציעס פון דעם דעמאָקראַטישן פּראָנט ווי די איינציקע גאַראַנטיע קעגן דעם זיג פון רעאַקציע און פאַשיזם, וועלכער דראָעט צו פאַרניכטן די דעמאָקראַטיע און אַלע אירע דערגרייכונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, צו פאַרניכטן די ציוויליזאַציע גופא.

די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פּראָנט איז ניט קיין סאָציאַליסטישע פּראָגראַם. דאָס איז דער מינימום פון יענע נויטיקע ענדערונגען, אונטער דעם קאַפּיטאַליזם, אויף צו באַשיצן און אויסשפּרייטן די דעמאָקראַטיע, פון די אַלע זאַכן, וואָס זיינען דאָס הארץ פון דער אַמעריקאַנער טראַדיציע אין דער פאַרגאַנגענהייט, זינט דער רעוואָלוציאָנערער גרינדונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט איז דורכאויס באַזירט אויף טראַדיציאָנעלן אַמעריקאַניזם.

פאַרשטייט זיך, אַז דער רעאַקציאָנערער לאַגער לייקענט דאָס. אַלצדינג, וואָס קומט אויף דעם מינדסטן אופן אין צוזאַמענשטויס מיט די פּראָפיטן פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, באַצייכענען זיי מיט דעם אַלץ־אַרומנעמענדיקן נאָמען „קאָמוניזם“. אַפילו דער צענטריסטישער „ניו־דיל“ פון פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס באַשטייט אויף געוויסע הנחות מצד מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל צו די פאָדערונגען פון דעם פאָלק גראַד פאַר דעם ציוועק צו ראַטעווען די איצטיקע סיסטעם פון צוזאַמענברוך און חורבן, פאַרדאַמען די דאָזיקע בלינדע רעאַקציאָנערן ווי „רויט“ און „רעוואָלוציאָנער“ מיט אַ ביטערקייט, וואָס שטייגט אַפילו אַריבער אויף דעם מאָמענט די ביטערקייט, מיט וועלכער זיי אַטאַקירן די אמת׳ע רעוואָלוציאָנערן, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. מיר דאַרפן אָבער ניט פאַרלירן קיין סך צייט

ביי דער דאָזיקער קאָנווענשאָן אויף פּאָלעמיק מיט אָט־די „רעד בייטערס“, וועלכע האָבן באַוויזן אין די וואַלן פון 1936 און 1937, אַז זיי האָבן אין אַ גרויסער מאָס פאַרלאָרן די באַרירונג מיט די אַמעריקאַנער מאַסן. דורך זייערע ווילדע פאַרדאַמונגען האָבן זיי בלויז באַוויזן צו באַשיצן די גרויסע מאַסן קעגן דער ווירקונג פון די אויסגעשפּראָכנסטע פאָרמען פון „רעד בייטינג“. אַזוי אַרום האָבן סענאַטאָר קאָפּלאַנד און סטעיט סענאַטאָר מעקנאַבאַ, צום ביישפּיל, דורך אַ פּראָצעס פון „רעדוקטיאַ אַד אַבסורדום,“ „רעדוצירן צו אַן אַבסורד) ניט ווילנדיק אויפגעטאָן אַ געזעלשאַפטלעך־גוטע זאַך, פאַר וועלכער מען דאַרף זיי אָבער ניט דאַנקען, ווייל זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען. אַלע בעסטע מוחות פון דעם דעמאָקראַטישן לאַגער באַגרייפן איצט די סטראַטעגיע פון דער „אַנטי־קאָמוניסטישער אַליאַנץ“ פון היטלער, מוסאָליני און דעם מיקאַדאָ. זיי דערקענען די זעלביקע סטראַטעגיע, ווי זי ווערט אָנגעווענדט אין דעם אינערלעכן לעבן פון אַמעריקע דורך דעם רעאַקציאָנערן לאַגער, און זיי זיינען שוין באַוואָפנט קעגן איר. מיר מוזן אויסשפּרייטן אָט־די פאַרשטענדעניש ביז צו די ברייטסטע מאַסן פון דער דעמאָקראַטישער באַוועגונג און אַלע אירע אויפריכטיקע פירער.

מיר מוזן זיך אָבער ווענדן צו יענע פריינט און פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע אין דעם דעמאָקראַטישן לאַגער, וואָס זעען אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן אַ ווידערשפּרוך צווישן דער קאָמוניסטישער שטיצע פאַר דער דעמאָקראַטישער פּראָגראַם היינט־צו־טאָג און אונזערע שטרעבונגען צום סאָציאַליזם מאָרגן; וועלכע זעען אין סאָציאַליזם גופא ווירקלעכן סאָציאַליזם און ניט די רעאַקציאָנערע סטראַשידלע, וואָס איז פרעמד צו די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון אַמעריקאַניזם. מיר דאַרפן מאַכן קלאָר פאַר זיי, און פאַר אונז, די אמתע שייכות צווישן דעמאָקראַטיע היינט און דערגרייכן צום סאָציאַליזם מאָרגן.

כדי אויסצומיידן אַלע מיספאַרשטענדענישן, איצט און אין דער צוקונפט, לאָמיר עס קלאָר מאַכן אויסער יעדן ספק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי גיט ניט אויף און שוואַכט ניט אָפּ אויף דעם מינדסטן אופן איר ענד־ציל פון דער פולשטענדיקער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם פאַר אַמעריקע אַזוי פרי ווי עס לאָזט זיך, וואָס דאָס מיינט — אַזוי שנעל ווי סאָציאַליזם געווינט די שטיצע פון דער מערהייט. גראָד דערפאַר און ניט, ווי איניקע דענקען, קאָנטיק, ניש'ט געקוקט דעראויף, זיינען מיר דער אויסגעהאַלטנסטער און לאָיאַלסטער סעקטאָר פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט. אין אונזער לאָיאַליטעט צום סאָציאַליזם ליגט דער שליסל צו אונזער לאָיאַליטעט צום דעמאָקראַטישן פראָנט.

אונזער לאָזונג, וואָס מיר נעמען דירעקט פון לענינ'ס איז: „דורך

דעמאָקראַטיע צו סאָציאַליזם; דורך סאָציאַליזם צו דער העכסטער און פולשטענדיקסטער פאַרווירקלעכונג פון דעמאָקראַטיע".

אונזער פּראָגראַם פאַר סאָציאַליזם איז אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיט, און איז אַ נויטיקער אַרויסוואוקס פון דער טראַדיציאָנעלער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווי זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך טאָמאַס דזשעפערסאָן, וועמעס פּאָליטישע יורשים מיר זיינען. זאָלן די אַלע, וואָס שטעלן דזשעפערסאָנען קעגן מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען און סטאַלינען און וואָס זעען אין סאָציאַליזם אַן „אויסלענדישע אימפּאָרטאַציע", אַ „פרעמדע זאַך", געדענקען, אַז אין דעם זעלביקן זין האָט דזשעפערסאָן אויך „אימפּאָרטירט" די טעאָריעס פון דעמאָקראַטיע פון אייראָפּע קיין אַמעריקע, וואו זיי האָבן געפונען זייער ערשטע און בעסטע פאַרווירקלעכונג אין יענער פּעריאָדע. דזשעפערסאָנס גרויסקייט האָט געשטאַמט דירעקט פון זיין אַלץ־אַרומנעמענדיקער זוכעניש, אין דער גאַנצער וועלט פון געדאַנק, כדי צו געפינען דאָס בעסטע פון אומעטום, פון אַלע לענדער. פונקט ווי דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז געוואָרן שטאַרק און גרויס, ווייל עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון דעם קרעפטיסטן און דינאַמישסטן אַוואַנגאַרד פון אַלע לענדער פון דער אַלטער וועלט, אַזוי איז די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע פילאָזאָפיע און פּראָגראַם געשפּייזט געוואָרן דורך די בעסטע דענקער פון דער וועלט און האָט באַוויזן צו געבן דער וועלט פיִרערשאַפט גראָד אַ דאַנק יענעם פאַקט. מיר גייען דעריבער פעסט אין דזשעפערסאָנ'ס פוס־טריט, ווען מיר וואַרפן אָפּ יעדן שמאָלן נאַציאָנאַליזם פון געדאַנק און פּראָגראַם, ווען מיר זוכן אויס די גאַנצע וועלט, כדי צו געפינען דאָס בעסטע פון אומעטום. ווי דזשעפערסאָן, גלויבן מיר, אַז אַמעריקע איז באַרעכטיקט צו דעם בעסטן פון אַלצדינג, פון וואַנען דאָס זאָל ניט קומען.

וואָס איז געווען דער עצם פון דזשעפערסאָנס דעמאָקראַטישע אידייען, וועלכע האָבן געשאַפן די פונדאַמענטאַלע אַמעריקאַנער טראַדיציע? מיר קאָנען דאָס סומירן אין עטלעכע גרונטלאַגן:

1. עס קאָן ניט זיין קיין סאָציאַלע געזונטקייט און פאָרטשריט אין אַ געזעלשאַפט, וואו די עגאָאיסטישע פּריוואַטע אינטערעסן פון אַ מינאָריטעט ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף די פאָלקס־מאַסן דורך רעגירונגס־צוואַנג; רעגירונג מוז דעריבער זיין באַזירט אויף דעם דעמאָקראַטיש־אויסגעדריקטן ווילן פון דער מערהייט.

2. רעגירונגס מאַכט, פּאָליטישע מאַכט, קאָן געבויט ווערן בלויז אויף אַ פונדאַמענט פון עקאָנאָמישער מאַכט, דאָס הייסט, — אויף דעם באַזיץ, קאָנטראָל און באַטרייבונג פון דער פונדאַמענטאַלער ווירטשאַפט פון לאַנד, וועלכע איז דער פונדאַמענט פון סאָציאַלן לעבן; די אַמע־

ריקע פון דעם סוף פון 18טן און אָנהויב פון 19טן יאָר הונדערט האָט באַוויזן צו שאַפן אַזאַ פונדאַמענט דורך דעם, וואָס זי האָט צעבראָכן די גרויסע קאָלאָניאַלע לאַנד־מאָנאָפּאָליעס און אויפגעעפנט די גרויסע טעריטאָריעס פון דער וועסט, און דורך דער ברייטער פאַרשפּרייטונג פון פרייע און ביליקע לאַנד־שטרעקן. די דעמאָקראַטיע איז דעריבער געווען הויפּטזעכלעך אַן אַגראַרע, דערגאַנצט דורך דער שטאָטישער דעמאָקראַטיע פון באַלמעלאָכעס, וועלכע זיינען געווען די באַזיצער פון דעם געצייג, מיט וועלכן זיי האָבן געאַרבעט.

3. די העכסטע מאַכט, די מלוכה, מוז באַשאַנקען ווערן מיט גענוג מאַכט אויף דורכצופירן איר פונקציע פון באַשיצן די סאָציאַלע אָרדנונג, וואָס האָט זי געשאַפן, פון אַטאַקעס מצד עגאָאיסטישע מינאָריטעט־אינטערעסן אין לאַנד און פון דרויסנדיקן אָנגריף, און ניט מער. דעריבער מוז אין דער דעמאָקראַטיע, וואָס איז באַזירט אויף ווייט אויסגעשפּרייטער פאַרטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט אין די הענט פון אינדיווידועלע פּראָדוצירער, זיין אַ מאַקסימום לאָקאַלע זעלבסט־רעגירונג, און רעגירונג בכלל, וואָס דאָס איז אין בעסטן פאַל אַ נויטיקער איבל, מוז באַשרענקט ווערן אויף יענע געביטן, וואו אירע פונקציעס זיינען אומבאַדינג נויטיק אויף צו לייזן די פּראָבלעמען פון דעם פאָלק.

מיר קאָמוניסטן אונטערשטיצן פולשטענדיק די דזשעפערסאָנישע פּרינציפּן, וואָס זיינען דאָ אויסגעדריקט, און מיר האַלטן, אַז דזשעפערסאָנ׳ס קאָנקרעטע אָנווענדונג פון די דאָזיקע פּרינציפּן האָט געשאַפן די העכסטע, די פּראָגרעסיווסטע געזעלשאַפט, וואָס די געשיכטע האָט ווען געזען ביז צו יענער צייט. מיר האַלטן, אַז דזשעפערסאָנ׳ס פּרינציפּן זיינען פונקט אַזוי גילטיק היינט־צו־טאָג, אויב זיי זאָלן צוגעפּאַסט ווערן צו די אומגעהויערע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לעצטע 150 יאָר. און וואָס באַשטיין די דאָזיקע ענדערונגען? דאָס זיינען די ענדערונגען פון דער עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, דער אויפשטייג פון מאַשין־פּראָדוקציע אין אינדוסטריע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, דאָס פאַרשווינדן פון אינדיווידועלער פּראָדוקציע, דער אופשטייג פון ריזיקע טראָסט און מאָנאָפּאָליעס, די אונטערוואָרפענקייט פון דער פאַרם צו דער שטאָט און די הערשאַפט פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל איבער די רעשטלעך פון אינדיווידועלער אַגראַרער פּראָדוקציע. אין דזשעפערסאָנ׳ס צייט איז די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט געווען הויפּטזעכלעך אין די הענט פון די מאַסן פון פאָלק. דזשעפערסאָנ׳ס הויפּט־באַשעפטיקונג האָט געהאַט צו טאָן מיט דער פּראָבלעם פון אָנהאַלטן די פאָלקס ווירטשאַפט אין די הענט פון די מאַסן. אים האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַן אויבערבוי פון אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג און צו עטאַבלירן אַ מעכטיקע

דעמאָקראַטישע טראַדיציע; אָבער זיין שטרעבונג צו פאַראייביקן די אַגראַרע דעמאָקראַטיע איז צעשמעטערט געוואָרן דורך דעם אויפשטייג פון מאַשינעריע און מעכאַנישער קראַפט, דורך דער אינדוסטריעלער רע־וואָלוציע, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט פאָראויסזען. היינט־צו־טאָג, אין 1938, איז די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט מער ניט אין די הענט פון פאָלק; העכער 90 פּראָצענט פון דער ווירטשאַפט באַלאַנגט דירעקט צו די גרויסע קאָרפּאָריישאַנס, וואָס פאַרטרעטן אַ נישטיק־קליינעם טייל פון דער באַ־פעלקערונג; דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטלעכע לעבן ווערט באַ־הערשט דורך דער דאָזיקער מינאָריטעט, די עקאָנאָמישע ראַיאַליסטן, וועל־כע זיינען אונטערוואָרפן צו דער באַשרענקונג בלויז פון דער שטופּע פון רעגירונגס־אריינמישונג אונטער דעם איינפלוס פון די דעמאָקראַטישע מאַסן. דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון דזשעפערסאָנ'ס דעמאָקראַ־טיע איז פאַרשוואונדן; דער אויבערבוי פון דער דעמאָקראַטישער רעגי־רונג און די זעלבסט־אָרגאַניזאַציע פון פאָלק, וואָס די רעגירונג מאַכט מעגלעך, בלייבן ווי די איינציקע אינסטרומענטן, דורך וועלכע די מאַסן קאָנען באַאיינפלוסן אָדער קאָנטראָלירן זייער ווירטשאַפט. אַט־דערפאַר ווערט די דעמאָקראַטיע באַדראָעט היינט־צו־טאָג דורך די עקאָנאָמישע ראַיאַליסטן, דורך מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

די גאַנצע דעמאָקראַטישע מאַסן־באַוועגונג, וואָס הויבט זיך אויף היינט־צו־טאָג אין אַמעריקע, איז געווענדט אין דער ריכטונג פון געפינען וועלכע ס'איז מיטלען צוריק צו שאַפן דעם פאַרלאָרענעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פאַר דער דזשעפערסאָנישער דעמאָקראַטיע. אויב די דאָזיקע באַוועגונג זאָל בלייבן געטריי צו דזשעפערסאָנ'ס פּרינציפּן, מוז זי גע־פינען אַ נייע און אַ גאַנץ אַנדערע פּראַקטישע פּראָגראַם. די אַלטע אינ־דיווידואַליסטישע ווירטשאַפט איז אַוועק און קאָן נישט צוריק געבראַכט ווערן; בעת דזשעפערסאָן האָט געקאָנט באַפעסטיקן די דעמאָקראַטיע דורך באַשיצן אינדיווידועלן פּריוואַטן באַזיץ פון דער פּראָדוקציע, איז די לאַגע היינט־צו־טאָג אַ פאַרקערטע: אַלע מיטלען צו פאַרשטאַרקן פּריי־וואַט־אייגענטום פאַרשטאַרקן בלויז די מאַכט פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל, פון דער רייכער מינאָריטעט איבער די מאַסן פון פאָלק. די סאַמע עק־זיסטענץ פון דעמאָקראַטישער זעלבסט־רעגירונג ווערט באַדראָעט. עס איז ניטאָ קיין וועג, וואָס פירט צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט. מיר זיי־נען געצוואונגען אויפצוגעבן דזשעפערסאָנ'ס טרוים וועגן אַן אַגראַרער דעמאָקראַטיע, אויב מיר ווילן אָנהאַלטן דזשעפערסאָנ'ס דעמאָקראַטישע פּרינציפּן.

אַלע פּראָגרעסיווע מיטלען פון רוזוועלט'ס „ניו דיל" זיינען ניט־

פאַרענדיקטע און צעברעקלטע פאַרזוכן אָנצואווענדן דזשעפערסאָן׳ס דע־מאָקראַטישע פּרינציפּן אויף די נייע באַדינגונגען פון דעם 20טן יאָר־הונדערט. זיי זיינען ניט פאַרענדיקט און צעברעקלט, ווייל זיי מיידן אויס זייערע לאָגישע אויספירן פון א פונדאַמענטאַלן צוזאַמענשטויס מיט מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט, וואָס מיר האָבן דאָ אַנטוויקלט, איז א ווייטערדיקער, א מער סיסטעמאַטישער פאַרזוך אָנ־צואווענדן דזשעפערסאָן׳ס פּרינציפּן אין די גרעניצן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער סיסטעם פון פּראָדוקציע און פאַרטיילונג.

אָבער א פולשטענדיקע אָנווענדונג פון דזשעפערסאָן׳ס פּרינציפּן, די אויסגעהאַלטענע אָנווענדונג פון דעמאָקראַטישע אידייען אויף די באַדינגונגען פון היינט־צו־טאָג, וועט נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך פירן צו דער גאַנצער פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, צו דער סאָציאַליסטישער רעאָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צו גע־מיינשאַפטלעך באַזיץ און באַטרייבונג פון אונזער ווירטשאַפט פאַר אַלע־מענס נוצן. כדי דאָס צו אילוסטרירן, דערלויבט מיר ווידער אויסצו־דריקן דזשעפערסאָן׳ס דריי צענטראַלע אידייען אין טערמינען פון די באַדינגונגען פון היינט־צו־טאָג. מיר האָבן דאַמאָלט דאָס פאָלגענדע:

1. די ערשטע, די פונדאַמענטאַלסטע גרונטלאַגע דזשעפערסאָן׳ס בלייבט ניט פאַרענדערט. מיר קאָנען זי ווידערהאָלן היינט־צו־טאָג: עס קאָן ניט זיין קיין סאָציאַלע געזונטקייט און פאָרשריט אין א געזעל־שאַפט, וואו די עגאָאיסטישע פּריוואַטע אינטערעסן פון א מינאָריטעט ווערן אַרויפגעצוואונגען אויף די מאַסן פון פאָלק דורך רעגירונגס־צוואַנג; רעגירונג מוז דעריבער זיין באַזירט אויף דעם דעמאָקראַטיש־אויסגע־דריקטן ווילן פון דער מערהייט.

2. פּאָליטישע מאַכט קאָן געבויט ווערן בלויז אויף א פונדאַמענט פון עקאָנאָמישער מאַכט, אויף דעם באַזיץ, קאָנטראָל און באַטרייבונג פון דער פונדאַמענטאַלער ווירטשאַפט פון לאַנד, וועלכע איז דער פונ־דאַמענט פון סאָציאַלן לעבן; די אַמעריקע פון דעם 20טן יאָר־הונדערט איז א נייע וועלט אין א טיפערן זין ווי די אָריגינעלע אַמעריקע איז פאַר אייראָפּע געווען א נייע וועלט; זי געפינט איר פונדאַמענטאַלע און קאָנ־טראָלירנדע ווירטשאַפט אין דער פאָרם פון ריזיקע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען סאָציאַל באַטריבן, זיינען פאַרבונדן און דורכגעפלאָכטן איינע מיט די אַנדערע און קאָנען ניט צעבראָכן ווערן אָן דער פאַרניטונג פון דער פּראָדוציר־קראַפט, וועלע קאָן ווערן דער פונדאַמענט פאַר דעמאָ־קראַטישער זעלבסט־רעגירונג בלויז דאַמאָלט, ווען זי ווערט אינגאַנצן איבערגענומען דורך די אָרגאַנען פון דער דעמאָקראַטישער זעלבסט־

רעגירונג. די דעמאָקראַטיע מוז דעריבער ווערן הויפּטזעכלעך אַן אינ־
דוסטריעלע דעמאָקראַטיע, אַ דעמאָקראַטיע פון סאָציאַל־באַזיצטע און
באַטריבענע אינדוסטריען, דערגאַנצט דורך די אַגראַרע דעמאָקראַטישע
כחות אַלס פאַרבינדעטע; דאָס הייסט, זי מוז זיין אַ סאָציאַליסטישע דע־
מאָקראַטיע.

3. די העכסטע מאַכט, די מלוכה, מוז באַשאַנקען ווערן מיט גענוג
מאַכט אויף דורכצופירן איר פונקציע פון באַשיצן די סאָציאַלע אָרדנונג,
וואָס האָט זי געשאַפן, פון אַטאַקעס מצד עגאָאיסטישע מינאָריטעט־
אינטערעסן אין לאַנד און פון דרויסנדיקן אָנגריף, און ניט מער. אויף
אַזוי ווייט ווידערהאָלן מיר דזשעפערסאָנ׳ס אָריגינעלן פּרינציפּ אָן ענ־
דערונגען. אָבער אין די באַדינגונגען פון דער ווירטשאַפט פון דעם 20טן
יאָר־הונדערט, וועלכע קאָן ניט פאַרטיילט ווערן צווישן אינדיווידועלע
פּראָדוצירער, וועלכע מוז זיין דעמאָקראַטיש פאַרמאָגט, קאָנטראָלירט
און באַטריבן, מוז לאָקאַלע זעלבסט־רעגירונג זיך אַריינפּאַסן אין אַ נאַ־
ציאָנאַלער מלוכה, וועלכע זאָל האָבן די גאַנצע נויטיקע מאַכט אויף צו
באַטרייבן די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און באַשיצן זי פון אַטאַקעס; די
רעגירונג בכלל — וואָס צום בעסטן איז דאָס אַ נויטיקער איבל — מוז
געווענדט ווערן אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט,
וואו עקספּלואַטאַציע פון איין מענטשן דורך אַ צווייטן איז אינגאַנצן
אָפּגעשאַפט און וואו די רעגירונג, די מלוכה־מאַכט, וועט דעריבער מיט
דער צייט ווערן אומנויטיק און וועט אָפּשטאַרבן און פאַרשווינדן.

אין דער דאָזיקער נייער פאָרמולירונג פון דזשעפערסאָנ׳ס פונדאַ־
מענטאַלע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן האָבן מיר די איינציקע מעגלעכע
לייזונג פאַר דער ענדגילטיקער באַשיצונג פון די דאָזיקע פּרינציפּן. אָבער
צו דער זעלביקער צייט האָבן מיר דורך דעם פולשטענדיק פאַרשמאָלצן
דזשעפערסאָנ׳ס לערע מיט דער לערע פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און
סטאַלין. מיר האָבן דאָ די פולע פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי.

אָט־דערפאַר רעאַליזירן מיר אין דער אַרבעט פון דער קאָמוניס־
טישער פּאַרטיי די פּראָגראַם פון דעם דעמאָקראַטישן פּראָגרעס אַזוי גוט
ווי אונזער קאַמף פאַר דער פולער קאָמוניסטישער פּראָגראַם פאַר סאָ־
ציאַליזם; מיר דערקלערן, אַז מיר זעצן פאָר די גרויסע אַמעריקאַנער טראַ־
דיציע, אַז מיר גייען אָן מיט דער אַרבעט פון דזשעפערסאָן, פּעין, דזשעק־
סאָן און לינקאָלן. מיר דריקן אויס די דאָזיקע צונויפשמעלצונג פון
דער אַמעריקאַנער טראַדיציע מיט סאָציאַליזם, ווען מיר זינגען „די סטאַר
ספּענגעלד בענער“ און דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ צוזאַמען, ווען מיר דע־
קאָרירן אונזער פּלאַטפאָרם היינט־צו־טאָג מיט דער פאָן פון אונזער דע־

מאָקראַטישער רעוואָלוציע פונם 18טן יאָר־הונדערט און מיט דער רויטער
פאָן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פון דעם 20טן יאָר־הונדערט.
דאָס איז די באַדייטונג פון אונזער לאָזונג :

„קאָמוניזם איז אַמעריקאַניזם פון 20טן יאָר־הונדערט".

ש ל ו ם

חברים, אין דער פראָגראַם, וואָס מיר שלאָגן פאָר אויף דער דאָזיקער
קאָנווענשאָן, אין דער אַרבעט וואָס מיר טוען שוין, כדי זיך דורכצופירן,
שאַפן מיר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי פון דעם אַרבעטער־קלאַס, פון
דער סאָציאַליסטישער רעאָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע — די קאָמוניסטי־
שע מאַסן־פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די באַוואוסטזיניקסטע, די אַקטיוו־
סטע, די לאָיאַלסטע, די מוטיקסטע און די בעסט דיסציפּלינירטע אַרמיי
אין דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און פרידן און דורך דעמאָקראַטיע
— צו סאָציאַליזם.

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן די סטאַנדאַרדס, וואָס אונזער גרויסער לע־
רער און פירער לענין האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אַזאַ פּאַרטיי. לענין
האָט געזאָגט:

„ווי אַזוי ווערט די דיסציפּלין פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי
פון פּראָלעטאַריאַט אָנגעהאַלטן ? ווי אַזוי ווערט זי געשטעלט
צו דער פּראָבע ? ווי אַזוי ווערט זי געשטאַרקט ? ערשטנס,
דורך דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאַרישן אַוואַנ־
גאַרד, דורך זיין איבערגעבנהייט, זיין פעסטקייט, זיין מסירת
נפש און העלדישקייט. צווייטנס, דורך זיין פעאיקייט זיך צו
פאַרבינדן, שטייען אין ענגן קאָנטאַקט און ביז אַ געוויסער
שטופע, אויב איר ווילט, זיך פאַרשמעלצן מיט די ברייטסטע
מאַסן פון די האָרעפאַשניקעס, הויפּטזעכלעך מיט די פּראָלע־
טאַריער, אָבער אויך מיט די ניט־פּראָלעטאַרישע האָרעפּאַשנע
מאַסן. דריטנס, דורך דער ריכטיקייט פון דער פּאָליטישער אָנ־
פירונג, וואָס דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד ווענדט אָן, און דורך
דער ריכטיקייט פון זיין פּאָליטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק,
מיט דער באַדינגונג אַז די ברייטסטע מאַסן זאָלן איבערצייגט
ווערן אין דער דאָזיקער ריכטיקייט דורך זייער אייגענער דער־
פאַרונג.

לאָמיר ווייטער קאָנטראָלירן אונזער קורס דורך דעם קאָמפּאַס פון
דער לערע פון אונזער באַליבטן סטאַלין. צוריק מיט העכער 13 יאָר
האָט חבר סטאַלין אַרויסגערוקט אייניקע ווערטער, וואָס זיינען פּונקט
אַזוי גוט פאַר אונז היינט־צו־טאָג. ער האָט געזאָגט :

„עס איז נויטיק, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין פּיאיק צו קאָמ־בינירן אין איר אַרבעט די גרעסטע געטריישאַפט צו פּרינציפּ (ניט צונויפּמישן מיט סעקטאַנטישקייט!) מיט אַ מאַקסימום קאָנטאַקט און פאַרבינדונגען מיט די מאַסן. (ניט צונויפּמישן מיט „עקיזם“!), וואָס אָן דעם איז עס ניט בלויז אוממעגלעך פאַר דער פּאַרטיי צו לערנען די מאַסן, נאָר עס איז אויך אומ־מעגלעך צו לערנען פון זיי, ניט בלויז צו פירן די מאַסן און זיי דערהויבן צו דער שטופע פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך זיך צוצוהערן צו דער שטים פון די מאַסן און אויסגעפינען זייערע דרינגענדיגסטע באַדערפעניש.“

מיר רעאַליזירן די עצה, וואָס עס האָט אונז געגעבן אונזער העל־דישער און קלוגער גענאָסע דימיטראָוו, ווען ער האָט אויף דעם 7טן וועלט־קאָנגרעס אָנגעוויזן דעם וועג פאַר אַלע קאָמוניסטישע פּאַרטייען:

„... ארויסצוקומען און האַנדלען ווי אמתע פּאָליטישע פּאַרטייען פון אַרבעטער־קלאַס, צו ווערן אויף אַן אמת׳ן אַ פּאָליטישער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון זייערע לענדער, צו פאַרפאָלגן צו יעדער צייט אַן אַקטיווע באָלשעוויסטישע מאַסן־פּאָליסי און זיך ניט באַשרענקען אויף פּראָפּאַגאַנדע און קרי־טיק און אויף בלויזע אויפרופן צו קעמפן פאַר פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור... מיר ווילן אַז זיי זאָלן אַזוי שנעל ווי מעגלעך זיך אויסלערנען צו פירן די שיף איבער די שטורעמדיקע וואַ־סערן פון דעם קלאַסן־קאַמף, און ניט בלייבן אויף דעם ברעג ווי באַאָבאַכטער און פאַרצייכענער פון די ברויזענדיקע כוואַ־ליעס, וואַרטענדיק אויף אַ שיינעם וועטער!“

אין דעם גייסט פון אונזערע גרויסע לערער האָמערן מיר אויס אַ פּראָגראַם פאַר די מאַסן אין זייער קאַמף פאַר דזשאָבס, זיכערקייט, דעמאָ־קראַטיע און פרידן. מיר האָמערן אויס די אייניקייט פון דעם דעמאָ־קראַטישן פראָנט, וועלכער וועט פירן צו דעם אַמעריקאַנער פאָלקס־פראָנט, — די פעסטע גאַראַנטיע, אַז פאַשיזם זאָל קיינמאָל נישט קומען צו דער מאַכט אין אונזער לאַנד. מיר שמידן אויס אַלץ אַ שטאַרקערן און נוי־טיקן געווער פאַר יעדער שטופע פון דעם קאַמף, וועלכער וועט ענדלעך אונז פירן דורך דעמאָקראַטיע צו סאָציאַליזם, — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

פאָראויס צו זיג אין דער קומענדיקער גרויסער שלאַכט, צו דער מפּלה פון רעאַקציע און פאַשיזם, צום זיג פון דער מערהייט פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק, צום זיג פון דעם דעמאָקראַטישן פראָנט!

לייענט די

# „מאָרגן פרייהייט"

יעדן טאָג

און דעם

# „האמער"

יעדן חודש


**HAMMER**

**35 East 12th Street, New York, N. Y.**